# שבת בלעטל

פרייטאג, דעצעמבער 27, 2013 – ערב-שבת פרשת וארא, תשע״ד ~ נומ. 11


הלכה / אויטאריטעט פון הלכה:

פון: משה ש. וויטאל

## ארטאדאקסיע און דער ״שולחן-ערוך״

נאך דער אידישער עמאנציפאציע אין 1867, האט פראנץ יאזעף, קייזער פון עסטרייך און קעניג פון אונגארן, געוואלט אוועקשטעלן אן אויטאנאמישע אידישע קהילה וואו אידן זאלן צווישן זיך מסדר זיין זייערע הלכה׳דיגע און קולטורעלע פראגעס. פראנץ יאזעף האט פאררופן א אידישן קאנגרעס אין בודאפעסט וואוביידע, די רעפארמער און ארטאדאקסן, זאלן האבן דעלעגאטן, און מ׳זאל זיך פאראייניגן אויף א זעלבסטשטענדיגער אידישער קהילה. די ערשטע רעזאלוציע וואס איז פארגעשטעלט געווארן איז געווען: ״אויב עס געפונען זיך אין אן ארט א צאל אידן, וואס ווילן זיין א געמיינדע פאר זיך, דארפן זיי בויען א שול, א בית-עולם און קינדער-שולעס, ווי אלע אנדערע קינדער-שולעס.״

די ארטאדאקסן האבן אבער נישט געוואלט מסכים זיין צו דער רעזאלוציע נאר אויב מ׳שטעלט צו אט די ווערטער: ״...און זאלן זיך פירן לויט די דינים פון דעם שולחן-ערוך.״ ווי יקותיאל יהודה גרינוואלד ערקלערט אין זיין ״טויזנט יאר אידיש לעבן אין אונגארן״,[1] האבן די ארטאדאקסן געוואלט ״געבן דעם אידישן קהילה-לעבן א פלאטפארם, א פראגראם, א באשטימטן ׳אני מאמין׳, וועלכן זיי האבן געהערט פון זייער רבי׳ן, דער חתם-סופר, אז די עיקרים פונעם אידישן פאלק איז דער שולחן-ערוך. דער שולחן-ערוך איז דער דאקומענט, אויף וועלכן די רעליגיעזע גרופע וועט אנווייזן, אז דארטן זענען פאראן אירע פרינציפן.״

נאך צוויי טעג דעבאטירן די רעזאלוציעס איז די רעזאלוציע פאר דעם אמענדמענט לטובת דעם שולחן-ערוך אפגעווארפן געווארן מיט 132 שטימען קעגן 88. דאס אפווארפן די אויטאריטעט פון דעם שולחן-ערוך ווי דעם וועג-ווייזער פאר אידן ווי אזוי זיך צו פירן האט געברענגט דעם מהר״ם שיק און דעם כתב-סופר ארויסצושטורעמען פון דעם קאנגרעס-זאל נאכגעפאלגט דורך אלע אנדערע ארטאדאקסישע דעלעגאטן. די ארויסטריט פון די פרומע רבנים און די דערקלערונג פון דעם שולחן-ערוך ווי דער ענדגילטיגער אויטאריטעט פאר פרומע אידן איז געווען דער קאטאליזאטאר פון דער ״טיילונג״ וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן א קורצע צייט דערנאך צווישן די ארטאדאקסן און די רעפארמער (״נעאלאגן״).

אין דער צייט וואס ביי די אנדערע מאנאטעאיסטישע רעליגיעס זענען שוין געווען טיילונגען פיל פריער (אין קריסטנטום די ״מזרח-מערב שפאלטונג״ פון עלפטן יאר-הונדערט און אין איסלאם דער שפאלט צווישן סוניס און שיאַ אין זיבעטן יאר-הונדערט), איז דער ערשטער סוקסעספולער שפאלט אין אידישקייט געשען ערשט אין ניינצנטן יאר-הונדערט

[1] זייט 90.

געזעלשאפט / געזעץ און דין וחשבון:

פון: קטלא קניא

## ומשפטים בל ידעום

שלום רובאַשקין, ספינקער רבי, שאול שפיטצער, נחמיה וועבערמאַן, יהודה קאָלקאָוי – דער ערשטער האַלב מנין פון אונזערע מאָדערנע עשרה הרוגי מלכות, און אין דער פאָליש וואַרטן דער בעל שבט מוסר, הרב עפשטיין, ושוטריו ומעריציו, און נאָך און נאָך. נישט אומגעקומענע און זיכער נישט אויף קידוש השם אָבער פאַר וועמען מען האָט פונדעסטוועגן אויסגעזאָגט אָן אַ צאָל קאַפיטלעך תהילים, צוזאַמגערופן דרינגענדע אסיפות, צוזאַמגעשטעלט הויפנס מיט געלט, געדינגען גרויסאַרטיקע אַדוואָקאַטן, און איבער זיי איבערגעדרייט אַ וועלט ווי בלויז מיר קענען. און ביי אַלע האָט זיך עס אויסגעלאָזט מיט אַ בוידעם. מען האָט זיי איינגעקייטלט פונקט ווי אַ צווייטן, זיי איינגעשפאַרט הינטער אַ שלאָס און אַ ריגל, פראָטעקציעס האָט זיי נישט געגעבן אַ ווייכערע מאַטראַץ און מעשהלעך פון יוסף הצדיק האָט זיי נישט געמאַכט נושא חן זיין ביים שר בית הסוהר. זיי זיצן אָפּ זייער באַשטימטן גזר דין וואָס אַ יהא שמיה רבא בכל כוחו וועט נישט צערייסן.

דאָס בילד חזרט זיך איבער ווידער און ווידער ביי חרדים בכל מקומות מושבותיהם. יעדעס מאָל וואָס מען אַרעסטירט ערגעץ אַ חרדישער מאַן, ווערט מיטאַמאָל יום-טוב. אַ געשריי פון פדיון שבויים, זיך דערבאַרעמען אויף אַ אידישער נשמה, אַ רוף צו תפלה און צדקה – כאָטש צו תשובה און אַכטונג געבן עטוואָס וויניקער – און רחמנות אויף די פרוי און קינדער. מען יאָמערט אויפן חילול השם וואָס מען מיינט נישט דערמיט די מחללים נאָר מען האָט אין זינען די פאַרשוועכטע און די וואָס האָבן געהאַט אַ האַנט אין אונטערברענגען דעם קרימינאַל.

פון נאַרקאָטיק-שמוגלער ביז קינדער לעסטערער, גנבים און אפילו רוצחים, שלעגער און שווינדלער, שאַפט זיך אַ בילד אַז עס איז נישט דאָ אַ פאַרברעך וואָס איז ביי אונז צו האַרב און אַ זינד וואָס איז צו נידעריק אויף איינצוצוימען די געוואַלד-שרייער און שופר-בלאָזער אין אונזערע מחנות פון שאַלן און שנאָרן פאַרן לעצטן סקאַנדאַל. נישט דער סקאַנדאַל פון דעם באַשולדיקטן צי דעם פאַרדאַמטן און זיינע נידערטרעכטיקע

המשך אויף זייט 17

איבער דער אויטאריטעט פון דעם שולחן-ערוך צו וועלכן די ארטאדאקסן האבן זיך פארפליכטעט.

## דער שולחן-ערוך ווי דער ארטאדאקסישער אויטאריטעט

מיר געפונען טאקע אין רבנישער ליטעראטור וואו דער שולחן-ערוך ווערט ארויסגעהויבן ווי דער וועגווייזער פאר פרומע אידן, און אז מען טאר זיך דערפון נישט אוועקרירן קיין ״זיז כל שהוא.״ הרב חיים יוסף דוד אזלאי, באקאנט אלס ״חיד״א״, שרייבט: ״ודע שקיבלתי מאדם גדול בחכמה ויראה שקיבל מרב גדול שקיבל מזקנים, שנתגלה בדור מרן ז״ל שהיו הרמ״ק והאר״י וכל קדושים עמהם סיעתא דשמיא, שישראל לפי הדור היו צריכים לספר זה שיקבץ כל הדינים ויגלה שרשיהם לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא... והסכימו מן השמים ותנתן דת על ידי מרן הקדוש [רבי יוסף קארו] מפני ענותנותו היתרה.״[2]

הרב יהונתן אייבשיץ שרייבט: ״קיימו וקבלו חכמי הדור לשמור ולעשות ככל האמור במטבע הקצר השו״ע והרמ״א ז״ל, ולדעתי אין ספק כי הכל בכתב מיד ה׳ עליהם השכיל ורוח ה׳ נוססה בם להיות לשונם מכוון להלכה וחפץ ה׳ בידם הצליח... ולכן ח״ו לומר קים ליה נגד הכרעת המחבר והרמ״א.״[3]

הרב יעקב יהושע פאלק שרייבט אין זיין ״פני יהושע״: ״בדבר המודפס בשו״ע אין לשנות ח״ו שום דבר וכתורת משה, ואפילו בדברים המוכרחים מחוייבין אנו לעייל פילא בקופא זעירא דמחטא.״[4] הרב אפרים זלמן מרגליות שרייבט אין ״בית אפרים״: ״חלילה לזוז זיז כל שהוא מדברי השו״ע אשר קיימו וקיבלו עליהם כל ישראל.״[5]

הרב אברהם ישעיהו קארעליץ, דער ״חזון איש״, איז באקאנט פאר זיין שיטה אז די הלכה׳דיגע עוואלוציע אין לויף פון די דורות איז א חלק פון גאט׳ס ״סייעתא דשמיא״ לויט ווי אזוי ער וויל אז הלכה זאל זיך אויסשטעלן. ער שרייבט: ״השגחתו יתברך היא בכל דור ודור על היחידים ששתלן בכל דור להורות חוקיו ומשפטיו לישראל וכשהן מעמיקים בהלכה הם בשעה זו כמלאכים ורוח ממרום שורה עליהן. ועל פיהם נקבעו הלכות, באישות החמורה ובשבת ובשאר הלכות החמורות... הרגילים בעמל התורה ועיניהם נשואות תמיד למרום לזכות לאסוקי שמעתא, הם המה המלאכים היוצאים מעמל התורה.״[6] דער ״חזון איש״ האט געזען דעם שולחן-ערוך — און זאגאר דעם ״משנה ברורה״ — ווי דער לעצטער טייל פון דעם פראצעס: ״ההוראה המקובלת מפי רבותינו אשר מפיהם אנו חיים כמו מרן הבית יוסף, המגן אברהם והמשנה ברורה... היא הוראה מקוימת כמו מפי סנהדרין בלשכת הגזית.״[7]

דער צאנזער רב, הרב חיים האלבערשטאם, שרייבט: ״אין דרכי בזה לפלפל בדברי גדולי הראשונים איזה שיטה מהן עיקר להלכה כי דבר זה הוא גסות הרוח ודברי הבל להכריע בין הראשונים, כי מה אנו יודעים ולא ידעו הם, ואין לנו אלא לסור למשמעתם של הטור ושלחן ערוך.״[8] אזוי אויך שרייבן די גאונים פון פראנקפורט: ״והנה בזמן הזה ראינו בתשובות חכמי זמנינו שדרכם לפלפל בדברי חידודים, ואינם שמים על לב דברי הטור ושלחן ערוך אשר אנו מחוייבים שלא לנטות מדבריהם ימין ושמאל, אחר שכבר נתפשטה הוראתם וקבלו עליהם כל עדת ישראל הלכה למשה מסיני ומה לנו לחקור ולפשפש אחר הקדמונים אשר חלקו על השו״ע אשר גם בעלי השו״ע עמדו על דעתם וברר הלכה כשמלה להיות דרך הישר וסלולה וקבעו בשו״ע להלכה ברורה לעם סגולה להיות נוהג בזה עד כי יבנה ארמון על תלה, וכה דרכנו מעולם אשר אנחנו היינו משמשים גדולי גאונים מפורסמים לשם ולתהלה... בעל המחבר שב יעקב ואחריו... בעל המחבר פני יהושע... ושאר גדולי ישראל... וכולם לא נטו לראות דרך מרחוק לחפש אחר דעתו להורות דין נגד מה שהוא פסק מפורסים בשו״ע, ודיו בדין שלא מצינו בהדיא מבואר בשו״ע לעיין בדברי שו״ת האחרונים... לכן גם בזה אחזנו בעקבות רבותינו אשר מעולם אנשי השם גדולי דורינו שכל מה שהוא פסק מפורסים בשו״ע חלילה מלמצוא שום צד מלחלוק עליו.״[9]

מיר געפונען נאך יא א קול דממה דקה אז דער שולחן-ערוך איז נישט מחייב. אזוי האט געשריבן הרב חיים וואלאזשינער: ״וכבר הוזהרתי בזה מפי מורי ורבי גאון קדוש ישראל רבנו הגדול והחסיד [הגר״א מווילנא] שלא לישא פנים בהוראה אף להכרעת רבותינו בעלי השלחן-ערוך.״[10] אבער אין א צייכן ווי ווייט די דאזיגע דעה איז אוועקגעשטופט געווארן פון דעם קאלעקטיוון ארטאדאקסישן געדאנקענ-גאנג, און די מיינונג אז מען טאר זיך דווקא נישט אוועקרירן פון דעם שולחן-ערוך האט איבערגענומען די דעה פון דעם פאלק, האט א שפעטערדיגער דרוק פון דעם בריוו[11] צענזורירט די ווערטער אין נאמען פון דעם ווילנער גאון, און האט ארויסגעלאזט די ווערטער ״אף להכרעת רבותינו בעלי השלחן-ערוך.״[12]

עס איז קלאר אז דער יסוד פון דער ארטאדאקסישער אפטיילונג פון דער אלגעמיינער אידישער קהילה אין אונגארן איז געווען דאס נעמען אויף זיך דעם שולחן-ערוך ווי דער הויפט אויטאריטעט אין אלע אידישקייט פראגעס, און דאס אוועקשטעלן אז א פרומער איד איז איינער וואס רירט זיך נישט אוועק פון דעם שולחן-ערוך קיין ״זיז כל שהוא״. דאס ווערט נאך עד היום פראקלאמירט ווי דער יסוד פון אידישקייט, און ווי מיר זעען פון די ציטירטע גדולי ישראל ווערט דער שולחן-ערוך באטראכט ווי דער פוסק-אחרון אין אלע עניני הלכה, אויף וואס מען קען זיך נישט קריגן.

דער שולחן-ערוך איז דאס וואס טיילט אפ ארטאדאקסיע פון די אנדערע אידישע דענאמינאציעס ווי קאנסערוואטיווער אידישקייט און רעפארם. פאקטיש איז א פשוט׳ע דעפיניציע פון ״קאנסער-וואטיווער אידישקייט״ אט דער פאקט אז קאנסערוואטיוון שפירן זיך נישט געבונדן דייקא צו די פסקים פון דעם שולחן-ערוך, און נעמען פאר זיך דאס בויגזאמקייט צו קענען אוועקשטעלן הלכה לויט ווי דער זמן פארלאנגט, און נישט ווי די בעלי השולחן-ערוך האבן איר אוועקגעשטעלט אין זעכצנטן יאר-הונדערט.

---

[2] ״שם הגדולים״, מערכת ספרים, ערך ״בית-יוסף״.

[3] ״אורים ותומים״, קונטרס ״קיצור תקפו כהן״ סימן קכ״ד.

[4] חלק ב׳, סימן נ״א.

[5] יורה-דעה סימן ע״ו.

[6] קובץ אגרות ״חזון איש״, חלק א׳, איגרת ל״ג.

[7] חלק ב׳, איגרת מ״א.

[8] הובא ע״י הרב עובדיה יוסף בהפתיחה ל״יביע אומר״ חלק א׳.

[9] ״אהל אברהם״, עמוד י״ז ע״א-ע״ב.

[10] ״עליות אליהו״ הערה ס״ב.

[11] ״חוט המשולש״ סימן ט׳.

[12] זע לוח ״אחיאסף״, תרנ״ט, ״למלאת מאה שנה״.

ארטאדאקסישע אידן נעמען דעם שולחן-ערוך ווי דעם יסוד פון זייער אידענטיטעט, און אט די אידענטיטעט איז די אמוניציע קעגן די אנדערע אידישע דענאמינאציעס. מיט דעם שולחן-ערוך פאכן די ארטאדאקסן און דערקלערן זייער אידעאל, און ווייזן אן אויף דעם חילול הקודש וואס די קאנסערוואטיוון און רעפארמער באגייען מיט'ן נישט נעמען אויף זיך אט-די אויטאריטעט.

דער ארטאדאקסישער חינוך, פון קינדווייז אן, איז געבויט אויף דעם שולחן-ערוך ווי די אויטאריטעט פון אידישקייט. אט איז א ציטאט פון א חרדישער פובליקאציע וואס שרייבט גאר אז עמיצער וואס "רירט זיך א זיז כלשהו" פון דעם שולחן-ערוך דארף פארברענט ווערן:

ס'איז פאראן א סימן בדוק ומנוסה, צו וויסן צי [עפעס] שטאמט פון מקור הקדושה אדער פארקערט. דער אור החיים הק' זאגט אין פרשת כי תבא אויפ'ן פסוק ושמתה [!] בטנא. — כי תבא אל הארץ, ווען א איד ברענגט זיינע שיינע פרוכט די מצוות ומעשים טובים צום בית דין של מעלה, זאגט מען אים אן דו זאלסט ברענגען בלויז מצוות וועלכע זענען אין די גרעניצן פון "טנא" וואס באטרעפט זעכציג, דאס זענען די 60 מסכתות וואס זענען די תורה שבע"פ. נאר מצוות און מעשים טובים וואס שטימען און זענען אויסגעהאלטן לויט חז"ל, לויט די ד' חלקי שולחן ערוך, ווערן גערעכנט אלס מצוות, "ואם לאו ישרף הוא והם" אויב איז דאס נישט גענצליך אויסגעהאלטן מיט "טנא" זאלן פארברענט ווערן די מצוות [צוזאמען] מיט דעם וואס האט זיי געטאן. — מורא'דיגע שארפע דיבורים וועלכע מ'טרעפט נישט זייער גלייכן אין דעם הייליגן חיבור. — דאס איז א קלארער סימן מובהק, נאר אזא תלמיד חכם וואס רירט זיך נישט א זיז כלשהו פון שולחן ערוך, וואס איז אונזער ב"טנא" איז ראוי זיך אנצוקלעבן אין אים. אויב איז ער משנה פון די פריערדיגע וועלכע האבן זיך נישט גערירט פון שולחן ערוך איז רחמנא ליצלן.[13]

## אן אויטאריטעט נאר אין טעאריע?

אבער איז עס טאקע אזוי? צי איז דער שולחן-ערוך נר לרגליהם פון ארטאדאקסישע אידן? זענען טאקע די גייסטיגע יורשים פון די 88 ארטאדאקסישע דעלעגאטן וועלכע האבן מיט פראטעסט ארויסמארשירט פון אידישן קאנגרעס אויך אזוי איבערצייגט אז דער שולחן-ערוך איז די אויטאריטעט פון א פרומען איד? די פאקטן באווייזן אז נישט. א בליק אויף ווי אזוי ארטאדאקסישע אידן פירן זיך ווייזט אז ווען מען איז נישט באקוועם מיט געוויסע הלכות קען מען זיי גענצליך איגנארירן, און א איבערבליק אויף דעם שולחן-ערוך ווייזט אז גאנצע חלקים זענען בכלל נישט רעלעוואנט אין איין-און-צוואנציגסטן יאר-הונדערט, און קען דעריבער נישט באטראכט ווערן ווי א היינטיגער אויטאריטעט.

אפילו דער שיח-היום ביי חסידישע אידן איז פול מיט פאראכטונג אויף די וואס נוצן דעם שולחן-ערוך ווי דעם אבסאלוטן וועגווייזער. "דער שולחן-ערוך איז געמאכט פאר גרים" איז א שפאטישע באמערקונג וואס איז מורגל בפי הבריות. אין אלגעמיין זאגט מען דאס ווען חסידים האבן א מנהג וואס איז אנדערש ווי דעם פסק אין שולחן-ערוך, אבער ווי מיר וועלן זען איז דאס נישט נאר נוגע ווען אז איז פאראן א חסידישער מנהג וואס איז סותר דעם שולחן-ערוך, נאר אויך ווען מען איז גלייכגילטיג און אפאטיש צו דעם שולחן-ערוך אן קיין שום סיבה. בלויז ווייל צייטן האבן זיך געביטן, און דער פסק פונעם שולחן-ערוך איז מער נישט פאפולער.

אויך איז פאראן א שפריכווארט "מתנגדים האבן מורא פאר'ן שולחן-ערוך; חסידים האבן מורא פאר'ן אויבערשטן" — דאס איז ווידעראמאל א וועג ווי אזוי חסידים דרוקן אויס זייער אולטימאטיווע יראת-שמים וואס האט מער א שייכות מיט גאט ווי מיט א מענטשליכן ספר. מיר וועלן אבער זען אז דער שולחן-ערוך איז נישט


חינוך הבית

דער שלחן ערוך איז ארומגעצוימט מיט שטעכיגע עלעקטרישע דראָטן

דאָס בילד צייגט דעם שלחן ערוך אַריינגעצוימט מיט שטעכיגע עלעקטרישע דראָטן וואָס אָנצורירן ח״ו, און עובר זיין די קלענסטע זאַך איז פונקט ווי מען רירט אָן אַן עלעקטרישע דראָט.


קאריקאטור און קאמענטאר אין "חינוך הבית", הרב אלחנן יוסף הערצמאן, ברוקלין, ניו-יארק, תשל"ט, זייט 27.

[13] "בהקיץ או בחלום?", א. לי. קעניג, "דער איד", י"ב תשרי תשע"ג, זייט 84.

דער יסוד פון אידישקייט פאר קיין שום ארטאדאקסישער שטראמונג — נישט חסידים און נישט מתנגדים, און דער חינוך פון חסידים איז זיך אינגאנצן סותר מיט דעם מעסעדזש איבער וואס די ריכטיגע אידישקייט אויטאריטעט איז. איז זי דער שולחן-ערוך אדער עפעס אנדערש? און אויב די אויטאריטעט פון חסידים איז נישט דער שולחן-ערוך, מיט וואס איז חסידות אנדערש ווי אנדערע נישט-ארטאדאקסישע דענאמינאציעס?

טייל פון די הלכות וועלכע ווערן איגנארירט זענען באקאנט פאר ארטאדאקסישע אפאלאגעטיקער און זיי פראבירן צו טרעפן תירוצים וועלכע זענען אנגעבליך מסביר ווי אזוי דאס נישט איינהאלטן אט-די הלכה נעמט נישט אוועק דעם ארטאדאקסישן סטאטוס פון שולחן-ערוך-נאכפאלגער. די ערשיינונג פון אפאלאגעטיקער איז נישט קיין חידוש — די גמרא רעדט דאך נאך פון דעם הלכה׳דיגן אקראבאטיק פון ״מטהר השרץ בק״נ טעמים.״[14] אבער אפילו די אפאלאגעטיקער האבן קיינמאל נישט גענומען די מי צו ערקלערן ווי אזוי דער שולחן-ערוך קען גערופן ווערן ווי דער אבסאלוטער וועגווייזער פאר ארטאדאקסישע אידן, אין דער צייט וואס אזויפיל הלכות פארמאגן ״תירוצים״ פארוואס מ׳איז זיי נישט מקיים. אויך די וואס ווילן יא מקבל זיין די דוחק׳דיגע ערקלערונגען וועלן מוזן מודה זיין אז זיי קענען נישט גענוצט ווערן אין יעדן פאל — עס זענען דא צופיל הלכות אין אלע חלקים פונעם שולחן-ערוך וועלכע זענען פשוט נישט פאפולער, און מען לייגט נישט קיין דגוש אויף זיי. צומאל טרעפט מען זאגאר קלאר אויפ׳ן דף פון דעם שולחן-ערוך ווי די שפעטערדיגע אחרונים שרייבן איינפאך אז מיר פירן זיך נישט ווי אט-דעם פסק פון דעם שולחן-ערוך.[15]

די סיבות פארוואס די הלכות ווערן איגנארירט זענען ווארשיינליך פארשידנארטיגע, און איז מעגליך אנדערש אין פאל פון יעדער הלכה באזונדער. צומאל איז עס גאנץ קלאר, ווי ווען א היינטיגער געפיל פון פרומקייט איז נישט איינשטימיג מיט דער הלכה. (צום ביישפיל די הלכה וואס דער מגן-אברהם[16] ברענגט פון דער גמרא אין מסכת שבת, ״המניח ידיו כנגד פניו של מטה כשיורד לרחוץ כאילו כופר בבריתו של אברהם אבינו, דנראה שהוא בוש בדבר״ — וואס היינטיגע סענסיטיוויטעטן ערלויבן נישט אז מ׳זאל זיך רעכענען מיט דעם. אדער די הלכה[17] אז מ׳זאל נישט לאזן די ציצית-פעדעמער לענגער ווי דעם שיעור. דאס זעלבע מיט ״טבילת עזרא״ וואס איז נתבטל געווארן צוליב א חשש פון ביטול תורה און ביטול פריה ורביה,[18] אבער ווערט איגנארירט ווייל עס שפירט זיך פרימער יא אנצוהאלטן די טבילה.) אבער געוויינליך זענען פאראן סאציאלע פאקטארן וועלכע האבן געברענגט אז די הלכות זאלן מער נישט זיין אינטערעסאנט און וויכטיג פאר דעם גרעסערן ציל, און פאר דעם אימאדזש וואס די געזעלשאפט ערווארטעט פון ארטאדאקסישער אידישקייט ביי דער יעצטיגער מאמענט אין היסטאריע.

## דער שולחן-ערוך אין קאנטראסט צו די סאציאלע נארמען

לאנגע יארן פון כסדר עוסק זיין אין בירורי ופסקי הלכה האט גענומען אז די דאזיגע געדאנקען זאלן זיך קריסטאליזירן פאר דעם שרייבער פון די שורות. א סך הארעוואניע און באשעפטיגונג אין די פראקטישע אפליקאציעס פון הלכה האבן צוגעברענגט איינצוזען אין דער סתירה צווישן דאס וואס ווערט געפרעדיגט לגבי דעם תוקף פון דעם שולחן-ערוך און דאס וואס ווערט פראקטיצירט. פאר דעם צוועק פון דעם ארטיקל זענען מיר איבערגעגאנגען די ערשטע הונדערט סימנים פון שולחן-ערוך אורח-חיים, און פארצייכנט נקודות וועלכע שטיצן אונזער טעזע. ווי פארשטענדליך איז דאס נישט קיין ארומנעמענדיגע באהאנדלונג אויף דעם גאנצן שולחן-ערוך, אבער מיר ברענגען גענוג ביישפילן אין בלויז דעם גאר ערשטן חלק פון דעם שולחן-ערוך (און עטליכע ביישפילן פון אנדערע חלקים) אויף צו געבן א ריכטיגן בליק אויף דעם ענין.

ווי מיר וועלן זען זענען פאראן פיר אופנים ווי אזוי דאס ארטאדאקסיש לעבן און אידישקייט דיווערגירט פון דער שולחן-ערוך אידישקייט: 1) **העלמת עין**: ווען דער שולחן-ערוך אסר׳ט א זאך און דער איסור ווערט איינפאך איגנארירט. 2) **רוח אחרת**: ווען דער גייסט פון דעם שולחן-ערוך ווערט איגנארירט, און מנהגים און הלכות ווערן באזירט דווקא אויף סאציאלע פאקטארן. 3) **תולה ארץ על בלימה**: ווען דער שולחן-ערוך איז מתיר א זאך און עס אנטוויקלט זיך אן איסור וואס ווערט ווי א יסוד פון דער היינטיגער אידישקייט. 4) **נשתנו העתים**: ווען פונעם שולחן-ערוך ווייזט זיך ארויס אז דאס היינטיג לעבן איז אזוי אנדערש ווי דעם לעבן פון יענער תקופה, אז עס שטעלט א פראגע-צייכן אויף דער מעגליכקייט פון דעם שולחן-ערוך נאך צו קענען דיקטירן ווי אזוי צו פירן דעם אידיש לעבן אין דעם היינטיגן טאג.

אונזער אנאליז שפיגלט אפ דעם פאקט אז דער שולחן-ערוך איז נישט קיין וועגווייזער פאר אידישקייט, נאר ווי רויע מאטעריאל אויף וואס צו בויען א אידישקייט וואס איז מער באזירט אויף סאציאלע נארמען. די אמת׳ע וועגווייזער פאר ארטאדאקסישער אידישקייט זענען די סאציאלע נארמען וועלכע זענען אנגענומען ביים פאלק, נאר נארמען פארמאגן נישט גענוג אויטאריטעט צו קענען זיי נוצן ווי א באשולדיגונג קעגן א מענטשן וואס טרעט אפ פון דעם וועג. דער שולחן-ערוך ווערט גענוצט איז אזא פאל אויף צו אטאקירן א מענטש אדער דענאמינאציע וואס האט זיך אוועקגעשטעלט אנדערע נארמען ווי אזוי צו פירן א אידיש לעבן. ער איז ווי א פאן צו פאכען אין דער לופט ווען עס פעלט אויס צו ווייזן אן אויטאריטאטיווער סטאנדארט וואס איז אנגעבליך מחייב ארטאדאקסישע אידן. אבער אין פאקט איז ארטאדאקסיע — פונקט ווי אנדערע אידישע דענאמינאציעס — נאר געבונדן צו אירע נארמען וועלכע ווערן מיינסטנס באשטימט דורך סאציאלע פאקטארן.

## העלמת עין

לאמיר אנפאנגען מיט ביישפילן ווי קלארע הלכות פון דעם שולחן-ערוך ווערן איינפאך איגנארירט:

באלד אין ערשטן סעיף פון שולחן-ערוך אורח-חיים שטויסן מיר זיך אן אין די ווערטער פון דעם רמ״א: ״לא יאחר זמן

---

14 עירובין י״ג.

15 צום ביישפיל אין סימן ס״ו (סעיף ד׳) פסק׳נט דער מחבר אז עס איז אסור מפסיק צו זיין, אבער דער מגן-אברהם זאגט ״נוהגים להפסיק.״

16 סימן ב׳ ס״ק ב׳.

17 סימן י״א, מחצית-השקל ס״ק ו׳ בשם מרדכי.

18 סימן פ״ח סעיף א׳.

התפילה שהצבור מתפללין." דאס איז א ביישפיל פון א הלכה וואס איז וואויל באקאנט פאר יעדן, אבער ווערט איגנארירט ביי רוב חסידים. דאס איז זאגאר אן ארגומענט-פונקט פון פילע ארטאדאקסן קעגן די חסידים, הלמאי מ'איז עובר אויף דער הלכה פון דאווענען דווקא פאר דעם זמן תפילה. פארשטייט זיך אז דאס איז גרינג אויפצובערענגען ווי א טענה קעגן חסידים ווייל די הלכה איז גוט באקאנט, און רוב ארטאדאקסן זענען יא מקפיד דערויף. דער פאקט איז אבער אז דאס איז בלויז איין הלכה צווישן הונדערטער אנדערע וועלכע ארטאדא-קסישע אידן זענען נישט מקיים, און די אנדערע ארטאדאקסן זענען גארנישט הינטערשטעליג מיט זייער ליסטע פון הלכות צו וועלכע זיי זענען גלייכגילטיג.

דער מחבר פסק'נט: "אסור לילך בקומה זקופה."[19] דער מגן-אברהם לייגט צו בשם דעם ב"ח: "אפילו פחות מד' אמות."[20] דאס איז אן איסור גארנישט ווייניגער ווי אנדערע הונדערטער איסורים אין דעם שולחן-ערוך, אבער וויבאלד די סאציאלע נארמען האבן עס נישט אדאפטירט, איז נישט קיין שום פראבלעם אז דאס ווערט איגנארירט. דאס זעלבע איז מיט דעם איסור "וכן אסור לישן בין מזרח למערב אם אשתו עמו, ונכון ליזהר אפילו בשאין אשתו עמו"[21] — אן איסור וואס עקזיסטירט נאר אין דעם שולחן-ערוך אבער נישט אין די געזעלשאפטליכע נארמעס, און דערפאר איז גאר זעלטן פאראן איינער וואס איז דאס מקיים. דער זעלבער שולחן-ערוך וואס זאגט אונז אנגעבליך אלע דעטאלן ווי אזוי צו זיין אן ארטאדאקסישער איד, באפעלט, "יכוין בברכות פירוש המלות. כשיזכיר השם, יכוין פירוש קריאתו באדנות שהוא אדון הכל, ויכוין בכתיבתו ביו"ד ה"א שהיה והוה ויהיה. ובהזכירו אלקים, יכוין שהוא תקיף, בעל היכולת ובעל הכוחות כולם."[22] אבער די הלכה ווערט נישט באטראכט ווי אזא וואס מ'מוז אויספירן. (אויף דעם איז טאקע דא דער עצה פון הרב אברהם דוד ווארמאן, בוטשאטשער רב, אז מ'זאל זאגן א ספעציעלער נוסח אנפאנג דאווענען, וואס דעקט שוין אלע כוונות פון דעם טאג.[23] דאס איז אן עצה וואס קומט נאך דעם פאקט אז די הלכה ווערט איגנארירט, און אפילו די עצה האט אויך נישט זוכה געווען צו אן אנגענומענעם סטאטוס.)

דער מחבר[24] פסק'נט אז מען זאל אנטון די תפילין אינדערהיים און אזוי צושפאצירן צו דעם בית-המדרש. דער מגן-אברהם ברענגט בשם מנהגי מהר"י צמח אז אין אן ארט ווי מען קען נישט גיין מיט די תפילין אין דער גאס צוליב די "רשעת הגוים"[25] קען מען מקיל זיין צו לייגן די תפילין אין פאדערשטוב פון דעם בית-המדרש, און אזוי אריינגיין אין דעם היכל זעלבסט. היינט ווען עס איז אוודאי נישט פאראן קיין צוריקהאלט צו גיין אין דער גאס מיט תפילין וויבאלד מיר ליידן נישט פון רשעת הגוים, וואלט די אויטאריטעט פון דעם שולחן-ערוך פארלאנגט אז מיר זאלן ווידער לייגן תפילין אין שטוב, און אזוי צושפאצירן צום בית-המדרש. אבער עס איז נאך מער מערקווירדיג אז אפילו די קולא צו לייגן אין פאדערשטוב איגנארירט מען אויך, און מען לייגט די תפילין אינעם בית-המדרש גופא — קעגן דעם פסק פון דעם שולחן-ערוך. (געוויסע ווילן ענטפערן מיט א נימוק אז די גאסן האבן א דין ווי "מבואות המטונפות" [שמוציגע גאסן] וואו מ'מעג נישט גיין קיין תפילין. דאס איז קעגן דעם פסק פון די פוסקים וואס האלטן אז מ'מעג גיין מיט תפילין אפילו אין מבואות המטונפות.[26] אפילו אויב דאס זאל זיין א היתר, בלייבט נאך אלץ דער פאקט אז אפילו אין פאדערשטוב איז מען נישט מקפיד אנצוטון די תפילין, קעגן א בפירוש'ער הלכה אינעם שולחן-ערוך.)

דער מחבר[27] פסק'נט אז "נשים מברכות ברכת התורה." אין בית-יוסף, מגן-אברהם, און טורי-זהב ווערט גע'פסק'נט אז פרויען זענען אויך מחויב צו זאגן יעדן טאג די פרשיות פון קרבנות. היינטיגע אומשטענדן האבן געברענגט אז פרויען זאלן נישט איינהאלטן דעם חיוב, פונקט ווי מען האלט נישט אין דעם איסור מאריך צו זיין ביים דאווענען.[28] דער באר-היטב ברענגט זאגאר בשם רש"ל "ואף ברצון הקהל להאריך יותר מדאי הרי זה מגונה." דאס זעלבע ווען עס פאסט פאר אן אלטן רבי'ן צו זיין דער שליח-ציבור, ווערט אומרעלעוואנט די הלכה "בזקן מאוד ונשמע קולו מכתת ושבור פסול להיות שליח ציבור."[29]

ווי נאר יעדע זאך וואס האט געהאט א שייכות מיט אינטעליגענץ און השכלה האט אנגעפאנגען געזען ווערן ווי א סכנה פאר ארטאדאקסיע, איז נישט געווען קיין פראבלעם דאס אויסצורייסן — צוזאמען מיט אלע הלכות וועלכע זענען אסאציאירט דערמיט. דאס קענען פשוט'ע כללים פון דקדוק איז סוקסעספול אויסגעריסן געווארן טראץ די הלכות וועלכע מיר זענען עובר מיט'ן נישט קענען דקדוק, ווי ריכטיג ארויסזאגן דעם דל"ת פון "אחד" ביי קריאת שמע[30] און דער חיוב מדקדק צו זיין צווישן א שוה נע און א שוה נח.[31]

דער רמ"א[32] פסק'נט אז דער מנהג איז אז פרויען זאלן נישט אריינטרעטן אין א בית-המדרש בימי נדתם, דערמאנען א שם, אדער אנרירן א ספר. דער רמ"א איז מתיר א נדה צו גיין אין בית-המדרש נאר אין די ימים-נוראים, און אפילו דאן — נאר אויב זי בלייבט שטיין אינדרויסן. דער מחבר[33] אסר'ט צו עסן אדער טרונקען פאר'ן דאווענען, און איז מתיר בלויז צו טרונקען וואסער. (דער מחבר איז שפעטער יא מתיר פאר "הצמא והרעב" צו עסן אדער טרונקען, אבער לכתחילה'דיגע טעגליכע קאוועס פאר'ן דאווענען איז קלאר קעגן דעם פסק פונעם שולחן-ערוך.)

ווי קען מען דען ערווארטן אז מען זאל זיך האלטן צו הלכה ווען מען געפונט זיך אין א בית-המדרש, ווען רוב בתי-מדרשים זענען געבויט שלא כדין. די הלכה איז[34] אז יעדער בית-המדרש מוז האבן א פענסטער וואס איז אפן קעגן ירושלים. און וואס איז ווען מען מאכט א מנין אין דער גאס, ביי א קבר, אויף א פעלד? דאס איז גענצליך אסור לויט דעם שולחן-ערוך,[35] און דער איסור ווערט פונקט אזוי איגנארירט. און

---

[19] סימן ב' סעיף ו'.
[20] ס"ק ה'.
[21] סימן ג' סעיף ו'
[22] סימן ה'.

[23] "תפלה לדוד" אות כ"א.
[24] סימן כ"ה סעיף ב'.
[25] עפ"י מחצית השקל שם.
[26] צום ביישפיל, זע "ערוך-השולחן" סימן מ"ג סעיף י"ב.
[27] סימן מ"ז סעיף י"ד.
[28] סימן נ"ג סעיף י"א.

[29] פרימ"ג סי' נ"ג, א"א ס"ק ל"ב בשם אליה רבה.
[30] סימן ס"א סעיף ו'.
[31] סעיף כ"ג.
[32] סימן פ"ח.
[33] סימן פ"ט סעיף א'.
[34] סימן צ' סעיף ד'.
[35] סימן צ' סעיף ו'.

דאס איז מסתמא אויך די סיבה פארוואס מענטשן אויף דער מדריגה פון חסידות אזש צו לייגן תפילין דרבינו תם איגנארירן די הלכה[36] "וישהא שעה אחת קודם שיקום להתפלל כדי שיכוין לבו למקום ושעה א׳ אחר התפלה." לויט דעם מגן-אברהם מיינט דאס א פולע שעה אויפ׳ן זייגער פאר און נאך דעם דאווענען פאר "חסידים", און א "שעה מועטת" פאר אנדערע מענטשן.

דער מחבר[37] פסק׳נט: "מען מעג נאר בויען א בית הכנסת אין דער הויכקייט פון דער שטאט, און מען בויט עס הויך, ביז עס וועט זיין העכער אלע הייזער פון דער שטאט." דער רמ״א ברענגט אז "בשעת הדחק", אויב מ׳קען נישט בויען א בית הכנסת ווי דער דין פארלאנגט, מעג מען דאווענען אין א פשוט׳ן הויז. עס וועט יעדער פארשטיין אז היינט איז אוממעגליך מקיים צו זיין די הלכה, ווייל די מאדערנע וועלט שטעלט צו וואלקן-קראצער בנינים וועלכע מ׳קען נישט איבערשטייגן. אבער דאס טוט נאר ארויסהייבן די פראגע איבער דעם רעלעוואנץ פון פארשידענע הלכות אין דעם שולחן-ערוך ("נשתנו העתים"). אבער טראצדעם וואס דער עיקר הלכה איז טאקע גאר שווער מקיים צו זיין, זענען אוודאי פאראן געוויסע אספעקטן פון אט דער הלכה וואס מ׳קען גרינג מקיים זיין. א בית-המדרש וואס אן אדמו״ר עפנט ביי זיך אין קעלער איז א פלאץ וואו מ׳מעג דאווענען נאר בשעת הדחק. ווען עס זענען פאראן שיינע, גרויסע בתי-כנסיות איז לויט דעם שולחן-ערוך זיכער נישט דא קיין היתר פון שעת הדחק אויף צו דאווענען אין קליינע בתי-מדרשים. מיר זעען דא אז באקוועמליכקייט צו דאווענען וואו מ׳וויל, און דער רייץ צו עפענען בתי-מדרשים, איז געגנוג היתר צו מעלים-עין זיין פון אן אפענער הלכה.

דער מחבר[38] שרייבט: "און דערנאך זאל א מענטש גיין צו זיינע געשעפטן, ווייל תורה וואס גייט נישט צוזאמען מיט ארבעטן ווערט צום סוף בטל, און עס שלעפט אריין זינד." די דאזיגע הלכה ווערט נישט נאר איגנארירט, נאר די היינטיגע חרדישע געזעלשאפט קוקט אראפ אויף דעם וואס איז איר מקיים. אין טייל פעלער ווערט אפילו געפירט אן אקטיוון קאמף קעגן די וואס ווילן מקיים זיין די הלכה.

דער מחבר[39] שרייבט: "א מענטש וואס גייט אריין אין א שטאט זאל זאגן 'יהי רצון מלפניך ה׳ אלקינו שתכניסני לכרך הזה לשלום,' איינמאל ער איז שוין אריין אין שטאט אין פרידן, זאל ער זאגן: 'מודה אני לפניך ה׳ אלקינו שהכנסתני לכרך זה בשלום,' און ווען ער איז אויפ׳ן וועג ארויס זאל ער זאגן: 'מודה אני לפניך ה׳ אלקי שהוצאתני מכרך זה בשלום, וכשם שהוצאתני לשלום כן תוליכני לשלום' וכו׳." דאס איז א הלכה וואס ווערט קלאר גע׳פסק׳נט אין דעם שולחן-ערוך, און עס ווערט בכלל נישט אויסגעפירט.[40]

דער רמ״א[41] שרייבט: "אום שבת חזון טוישט מען נישט צו בגדי שבת, נאר דעם העמד." כאטש דער שולחן-ערוך פסק׳נט אז שבת חזון טאר מען זיך נישט באקליידן מיט בגדי שבת, טוט מען זיך פאקטיש יא אן בגדי שבת. געוויסע היינטיגע פוסקים באטן אָן אַן אפאלאגעטיק אז גיין וואכנדיגע בגדים אום שבת וואלט געווען "אבלות בפרהסיא".[42] פון דעם קומט ארויס אז אפילו עס איז לכאורה קלאר אז דער שולחן-ערוך איז די איינציגסטע הלכה׳דיגע אויטאריטעט, קענען מיר — אויב מיר זענען אומבאקוועם מיט זיין פסק — ערפינדן הלכה׳דיגע נימוקים וואס רבי יוסף קארו און דער רמ״א האבן "פארזען".

ווי מאדנע איז אז ביי אן אנדערן פאל, ווען דער זעלבער רמ״א זאגט אז מ׳דארף **יא** אנטון בגדי שבת, איגנארירט מען אים ווידער. אין דעם זעלבן סעיף שרייבט דער רמ״א: "[ביי א ברית, אויך אין די ניין טעג,] פירט מען זיך אז דער מוהל, דער סנדק, און דער אבי הבן, קליידן זיך אן מיט בגדי שבת." דאס איז א זאך וואס חסידישע אידן זענען נישט מקיים אין די ניין טעג, און אזוי אויך נישט דורכאויס דעם גאנצן יאר. די מוהלים, און די אדמו״רים ורבנים וועלכע נעמען אן סנדקאות כיבודים, טוען זיך נישט אן קיין בגדי שבת, פארקערט ווי דער רמ״א שמועסט אויס.

אין א שמועס מיט דעם סאטמארער רבי׳ן, הרב אהרן טייטלבוים, האט הרב חיים לייב כ״ץ, סעדראהעלער רב, א מוהל זעלבסט, אויסגעדרוקט זיין שטוינונג אז מ׳פאלגט נישט די אפענע הלכה אז א סנדק און מוהל דארפן גיין בגדי שבת ביי א ברית: "ס׳איז א חידוש פארוואס ס׳איז בטל געווארן, ס׳איז דאך א טרוקענע הלכה ביי א סנדק ומוהל."[43] אין די הערות צו דעם שמועס ווערט צוגעברענגט פון "זמירות דברי יואל"[44] אז אין אייראפע פלעגט דער סאטמארער רבי, הרב יואל טייטלבוים, גיין בגדי שבת ווען ער האט געדינט ווי א סנדק, אבער אין אמעריקע האט ער אויפגעהערט מקיים זיין די הלכה. אמאל ווען סטראפקובער רב, הרב מנחם מענדל האלבערשטאם, האט אים געפרעגט פארוואס ער איז נישט מקיים די הלכה, האט אים דער סאטמארער רבי געענטפערט מיט א ווערטל: "יעדער מוז עפעס נאכלאזן אין אמעריקע, האב איך מיך דאס אויסגעקליבן..." אין דער הערה ווערט אויך צוגעברענגט אז אין אייראפע פלעגט דער סאטמארער רבי נישט באקומען צוגעטיילט אזויפיל סנדקאות כיבודים, אבער אין אמעריקע איז געווען א "ריבוי השמחות בליעה״ר," און דעריבער האט דער רבי אויפגעהערט גיין בגדי שבת ביי ברית׳ן.

אונזער לימוד פון דעם איז צווייפאכיג: די אויטאריטעט פון דעם שולחן-ערוך ווערט באטראכט געגנוג וואקלדיג אז מיט א "דרך צחות" קען מען אפווארפן אן אפענע הלכה, און אז באקוועמליכקייט איז ווידער א פאקטאר ווען עס קומט מיט מחליט זיין צי מ׳וויל מקיים זיין דעם שולחן-ערוך.

דער רמ״א[45] שרייבט אז ראש השנה ביים דאווענען איז מען מאריך מיט פיוטים אז דאס דאווענען זאל נעמען ביז חצות, אבער אויב עס געפאלט אין שבת זאגט מען נישט די פיוטים ווייל מען טאר נישט אזוי לאנג מאריך זיין. פון דער הלכה זעט מען א "היתר" מאריך צו זיין אום ראש השנה ביז חצות, קעגן דעם איסור וואס איז פאראן אויף דעם אין א געוועינליכן שבת און יום-טוב. אבער אויך אום ראש השנה איז פאראן אן איסור מאריך צו זיין נאך חצות אויב עס געפאלט אום שבת. דאס אז די הלכה ווערט היינט גענצליך איגנארירט,

---

36 סימן ר״ג סעיף א׳.

37 סימן ק״נ סעיף א׳.

38 סימן קנ״ו.

39 סימן ר״ל סעיף א׳.

40 ועיין ב"ערוך השולחן" (סעיף ד׳) שמלמד זכות, אבל אפילו הכי מודה ש"נכון לאמרו".

41 סימן תקנ״א סעיף א׳.

42 "ליקוטי מהרי״ח" חלק ג׳, "מנהגי חודש אב".

43 "משולחן מלכים", "קול התאחדותינו", ט׳ אב תשע״ב, עמוד כ״ח.

44 חלק א׳, עמוד שמ״א.

45 סימן תקפ״ד סעיף א׳.

ווייזט אז סאציאלע נארמען איבער ווי אזוי אויסצושטעלן דעם טאג אום שבת און יום-טוב נעמען פרעצעדענט איבער א קלארער הלכה אין שולחן-ערוך.

דער רמ״א[46] שרייבט: ״א פרוי זאל זיך נישט צוגעוואוינען ארויסצוגיין אין דער גאס צופיל, ווייל עס איז נאר שיין פאר א פרוי צו זיצן אין ווינקל פון איר הויז.״ היינט, אז די געזעלשאפטליכע נארמעס דיקטירן אז נישט די מענער, נאר דווקא די פריש-פארהייראטע פרויען, זאלן גיין ארבעטן, איז די הלכה געווארן אינגאנצן אומרעלעוואנט.

דער מחבר[47] שרייבט: ״ווען א שטאט פארמאגט 25 קינדער, איז גענוג איין מלמד. אויב איז געוועזן מער פון 25 – ביז פערציג, שטעלט מען צו נאך איינעם וואס זאל ארויסהעלפן דעם מלמד.״ מוסדות התורה, אנגעפירט דורך די היינטיגע ארטאדאקסישע רבנים, זעען בכלל נישט די וויכטיגקייט מקיים צו זיין אט-די הלכה. דאס איגנארירן די הלכה איז נישט נאר א חטא קעגן דעם שולחן-ערוך, נאר אויך קעגן די תינוקות של בית רבן.

דער ענין פון ״העלמת עין״ גייט גאר ווייט, און איז אויסגעשפרייט אין אלע חלקים פון דעם שולחן-ערוך, און מיר קענען נאך ברענגען צענדליגער, און מסתמא הונדערטער, ביישפילן.[48] דער עיקר איז די נקודה אז די אויטאריטעט פון דעם שולחן-ערוך איז נישט אבסאלוט, און מיר געפונען ווי גאר א סך חיובים און איסורים ווערן אינגאנצן נישט גענומען אין באטראכט אין דער היינטיגער ארטאדאקסישער אידישקייט.

## רוח אחרת

דער גייסט פון דעם שולחן-ערוך איז מצדד צו זיין די הלכה און צו קומען צו א מסקנא. א פסק איז א וועג ווי אזוי זיך צו פירן, און עס עקזיסטירט נישט קיין ״פחד״ אז אפשר איז די אנדערע דעה גערעכט. דאס פארדרייען הלכות און אויפקומען מיט פרישע חומרות איז קעגן דעם רוח פון דעם שולחן-ערוך. מיר רעדן נישט דא פון א חומרא וואס איז באזירט אויף א דעה, אפילו עס ווערט נישט אזוי גע׳פסק׳נט אין דעם שולחן-ערוך,[49] אדער א חומרא וואס איז מקורו בפוסקים כאטש על-פי הלכה איז עס נישט רעלעוואנט,[50] מיר רעדן פון חומרות וועלכע זענען גענצליך קעגן דעם געדאנקענגאנג פון דעם שולחן-ערוך און די פוסקים לויט וועמען דער שולחן-ערוך איז געשריבן געווארן, און זענען געבויט אויף הנחות וועלכע זענען געווען פרעמד פאר זיי.

דאס אז די ארטאדאקסן האלטן זיך נישט צו דעם גייסט פון דעם שולחן-ערוך איז א טענה וואס איז נאך אויפגעברענגט געווארן ביי דעם אויבנדערמאנטן קאנגרעס. אין רעאקציע צו דער פארלאנג פון די ארטאדאקסישע רעפרעזענטאטן צו קאדיפיצירן די אויטאריטעט פון דעם שולחן-ערוך, האט הרב יעקב שטיינהארדט פון אראד (דער נאכפאלגער פון הרב אהרן חארינער) זיך אויפגעשטעלט און האט פארגעהאלטן די ארטאדאקסן אז זיי זענען גאר די וועלכע קערן זיך אפ פון דעם גייסט פון דעם שולחן-ערוך. ער האט ציטירט דעם תלמוד׳ישן ״חסיד שוטה״[51] ווען ער האט דערמאנט די ארטאדאקסישע ״חומרות שבדו מלבם.״[52]

דער מחבר[53] ברענגט פארשידענע דעות אויב מען ענטפערט אמן נאך דער ברכה פון ״גאל ישראל״ ביי תפילת שחרית. פארשטייט זיך אז יעדער האט זיך געפירט לויט דעם פסק וואס ער האט אנגענומען, אבער דעם פחד פון יוצא זיין אלע שיטות האט נישט עקזיסטירט אין יענער צייט, און קיינער האט נישט אויפגעברענגט די ״עצה״ צו ענדיגן די ברכה שטיל, כדי זיך ״ארויסצודרייען״ פון דעם ספק – ווי עס איז היינט איינגעפירט ביי טייל. דער פחד פון ברכות איז היינט פיל שטערקער ווי עס איז רעקארדירט אין דעם שולחן-ערוך, און מען זעט דאס אין פילע אספעקטן פון הלכה. צום ביישפיל, אין ט״ז און אין מג״א[54] ווערט גע׳פסק׳נט אז אויב מען איז חולץ די תפילין כדי צו מאכן א הפסק צו גיין אין ביה״כ דארף מען איבערמאכן די ברכות.[55] צוליב דעם היינטיגן פחד פון איבריגע ברכות איגנארירט מען די אפענע הלכה, און מען מאכט נישט נאכאמאל די ברכות.

ווי עס ווערט מבואר אין שולחן-ערוך,[56] זענען די ציצית וואס מ׳טוט אן פאר די קליינע קינדער פסול לויט אלע שיטות וועלכע ווערן אראפגעברענגט.[57] דאס מיינט אז ווען די ציצית פון א קינד ווערט ״פסול״ אין חדר איז באמת גארנישט פסול געווארן. דאס צווינגען א קינד צו טוישן די ציצית אין אזא פאל איז קעגן דעם פסק פון דעם שולחן-ערוך, און שטאמט פון א אידישקייט וואס פארמאגט אן אנדערן גייסט ווי דעם שולחן-ערוך. וויבאלד די סאציאלע נארמעס זעען אין א קינד׳ס קליינעם טלית-קטן א לעגיטימען בגד מיט וואס מ׳איז מקיים די ״מצוה״ פון ציצית, ווערט א פסול דערין באטראכט ווי אן אמת׳ער זארג וואס פארלאנגט באלדיגע פעולות. דאס איז בכלל אן אנדערן בליק אויף דער מצוה פון ״חינוך״ ווי דאס וואס איז קאדיפיצירט אין הלכה. לויט דער הלכה פארלאנגט חינוך אז מ׳זאל מיט א קינד טון געוויסע מצוות כדי ער זאל זיך דערמיט צוגעוואוינען צו א לעבן פון תורה ומצוות – דאס מיינט פאקטיש מקיים זיין די מצוה, נישט איינרעדן דעם קינד אז ער איז עפעס מקיים. אימיטירן א מצוה איז קיינמאל נישט געווען א טייל פון חינוך.

דער מחבר[58] שרייבט אז נאר ווער עס

---

[46] יורה דעה סימן ע״ג סעיף א׳.

[47] סימן רמ״ה סעיף ט״ו.

[48] ווי דעם איסור פון שלאפן אינמיטן טאג מער פון ״שינת הסוס״ (אורח-חיים סימן רל״א סעיף א׳), דער חיוב פון פרעגן נאנט צו שבת ״עשרתם, ערבתם, הפרשתם חלה?״ און צו הייסן ״הדליקו את הנר״ (סימן ר״ס סעיף ב׳), איסור לשמוע קול שיר (סימן תק״ס סעיף ג׳), דער חיוב צו עסן און טרונקען אין דער סוכה אום שמיני עצרת (סימן תרס״ח סעיף א׳), און נאך פיל.

[49] צום ביישפיל, דער סדר פון אנטון שיך וואס ווערט געברענגט אין שולחן-ערוך (סימן ב׳ סעיף ד׳) שרייבט אויף דעם דער רמ״א אין ״דרכי משה״: ״ולא ראיתי מדקדקים בזה.״

[50] ווי דער חיוב אנצוטון בגדים אויף דער ריכטיגער זייט (סימן ב׳ סעיף ג׳) וואס איז נאר באזירט אויף דעם טעם, ״ויראו התפירות המגונות ויתגנה בעיני הבריות״ (מגן-אברהם ס״ק ג׳). אדער דער איסור פון צורירן מקומות פון דעם גוף וואו עס איז דא שווייס (סימן ד׳ סעיף כ״א), ״אבל במקומות המגולים בראשו ובפניו ובמקום המגולה שבזרועותיו אין להקפיד.״

[51] סוטה כ״א.

[52] יעקב כץ, ״הקרע שלא נתאחה״, תשנ״ה, עמוד 169.

[53] סימן ס״ו סעיף ז׳.

[54] סימן כ״ה סעיף י״ב.

[55] הגם שבמג״א מדחיק שאולי מדובר רק במקום שהביה״כ היה נמצא רחוק הרבה, כבר הקשה ע״ז הרע״א שבגמ׳ ברכות (כ״ג) מפורש שהביה״כ לא היה רחוק יותר מד׳ אמות.

[56] סימן ט״ז.

[57] הגם דער בית-יוסף ברענגט פון נימוקי יוסף אז יעדער כסות פון ארבע כנפות איז מען דערמיט יוצא די מצות ציצית, מיינט ער דווקא א בגד וואס האט א דין ״כסות״, ווי מען זעט פון זיין ראיה פון דער גמרא אין מנחות (מ״ג), וועגן א טלית וואס א קטן פארדעקט זיך ראשו ורובו וכו׳, עיי״ש.

[58] סימן ל״ד סעיף ג׳.

איז "מוחזק ומפורסם בחסידות" זאל לייגן תפילין רבינו-תם. אין באר היטב[59] ווערט געברענגט פון תשובות מהר"ש הלוי און שבות יעקב אז איינער וואס לייגט תפילין ר"ת נאכ'ן דאווענען בפרהסיא "צריך שיבטל מנהגו" ווייל עס איז "מיחזי כיוהרא." אויב זאל איינער האבן א ספק אין דער הארבקייט פון מיחזי כיוהרא איז כדאי צו כאפן א בליק צוריק אין סימן י"ז[60] וואו דער מחבר פסק'נט אז פרויען זענען פטורות פון ציצית, אבער אויב זיין ווילן מעגן זיי מאכן א ברכה דערויף. דער מחבר ווארנט אבער אז פרויען זאלן נישט אנטון קיין טלית ווייל עס איז "מיחזי כיוהרא." (ועיי' במג"א[61] בשם יש"ש ש"מי שמחמיר בפני רבים בדבר שמותר ואיכא למיחש ליוהרא, מנדין אותו. ואם ידוע שעושה לש"ש אין מנדין אותו." ובפרימ"ג שם מעיר "המעיין ביש"ש שם משמע דאפילו בינו לבין עצמו כל שיש יוהרא מנדין אותו.") צו שטעלן אין פערספעקטיוו: דער איסור פאר א פרוי אנצוטון א טלית ברבים – אן איסור פאר וועלכן חרדים פארמאגן היינט א ליידנשאפטליכער קנאות – איז פונקט אזוי גרויס ווי דער איסור פאר א געוועגליכער מענטש אנצוטון תפילין רבינו תם ברבים.

אין דער היינטיגער חרדישער געזעלשאפט זענען פאראן א סך "הלכות" ווי אזוי מען דארף גיין אנגעטון און ווי אזוי די מלבושים דארפן אויסקוקן. דאס איז אין שטארקן קאנטראסט צו דער הלכה וואס זאגט אז א קפידה אויף קליידונג קען אמאל זיין א חשש פון אפיקורסות: "האומר איני יורד לפני התיבה מפני שבגדי צבועין או מפני שברגלי סנדל לא ירד באותה תפילה כלל, מפני שדרך האפיקורסין להקפיד בכך וחיישינן שמא אפיקורסות נזרקה בו. הגה, ואפילו אם נותן אמתלא לדבריו לא מהני."[62] דער "משנת-יעקב" ברענגט פון ריב"ש,[63] "דאף שאין דרך אפיקורסין להקפיד, מ"מ כיון שמקפיד על מה שאין דרך ישראל להקפיד חוששין שמא אפיקורסות נזרקה בו, ע"כ הוא מקפיד במה שאין להקפיד." און דער משנת-יעקב לייגט צו: "עיי"ש שדעתו בכל חומרא שאחד רוצה להחמיר במה

[59] ס"ק ו'.
[60] סעיף א'.
[61] סימן ס"ג ס"ק ב'.
[62] סימן מ"ז סעיף י"ח.
[63] סימן רכ"ד.

שאין דרך ישראל להקפיד יש חשש זה. בין והתבונן."

דער מחבר[64] ברענגט שיטת רש"י אז קינדער, אפילו אזעלכע וועלכע זענען שוין הגיעו לחינוך, זענען פטור פון קריאת שמע, ווייל זיי זענען נישט מצוי אין דער צייט וואס מ'לייענט קריאת שמע. מיר זעען דא א התחשבות אין הלכה מיט דער מציאות הדברים. פאר רש"י'ן איז נישט בייגעפאלן אז דער חיוב זאל זיין אומפאהענגיג אין דעם מציאות, און אז די הלכה זאל נקבע ווערן על פי "דעת תורה", נאר ער האט גע'פסק'נט אז קינדער זענען נישט מחויב ווייל זייער טעגליכער סדר-היום איז נישט אויסגעשטעלט פאר דעם. (ועיי' במג"א[65] שציין לטור סי' רל"ה שהקיל בקריאת שמע של ערבית קודם צאת הכוכבים משום טורח הציבור שהתקבצו להתפלל מנחה, וכן יש הרבה.)

די געזעלשאפטליכע נארמעס זענען היינט קובע וואס מען איז מחויב צו טון און וואס נישט. וויבאלד קבלה איז היינט א חלק פון די נארמעס איז דאס ממש ווי א חלק פון דער תורה, ואוי לו לאדם וואס וועט דאס נישט מקיים זיין. דאס איז אין קאנטראסט צו די ווערטער פון דעם מגן-אברהם: "דבר שלא הוזכר בגמ' ובפוסקים אע"פ שנזכר בקבלה אין אנו יכולים לכוף לנהוג הן."[66] מען דארף בלויז דערמאנען ווי די חסידישע געזעלשאפט שפייט אויס די וואס גייען נישט נאך די געזעלשאפט-ליכע נארמעס וועלכע זענען באזירט אויף קבלה, אזש מען נוצט די מוסדות התורה אויף איינצוואונגען מענטשן זיך צו האלטן צו זיי.

## תולה ארץ על בלימה

כאטש יעדער פאל וואו מיר זענען מחמיר אין דער צייט וואס דער שולחן-ערוך איז מקיל וואלט אויך געקענט גערעכנט ווערן ווי אביישפיל ווי מיר בויען א אידישקייט אן זיך פארלאזן אויף דער הכרעה פון דעם שולחן-ערוך, קענען מיר אבער נאך אננעמען אן ארגומענט אז דער שולחן-ערוך בלייבט דער יסוד פון מינימאלער הלכה, אויף וועלכן מ'קען מוסיף זיין. מיר קענען אבער יא זען א קלארע סתירה צו דעם שולחן-ערוך ווען

[64] סימן ע' סעיף ב'.
[65] סימן פ"ט ס"ק א'.
[66] סימן כ"ה ס"ק כ' בשם רא"ם.

עפעס וואס איז מותר, אדער ווערט באטראכט ווי א לייכטע זאך, ווערט א סאמע יסוד פון אידישקייט. מיר וועלן דא זען דריי ענינים וועלכע ווערן היינט באטראכט ווי סאמע יסודות פון אידישקייט: שערות ראש האשה, כיסוי ראש לאיש, און הנחת תפילין – אבער אין שולחן-ערוך זענען זיי היבש לייכט און בכלל נישט קיין יסודות.

דער ענין פון שערות ראש האשה, און דער לעצטיגער דגוש אויף ביי-האר וואס איז געווארן ממש א יסוד פון חסידישער אידישקייט, איז אין פולסטן קאנטראסט צו דעם רוח פון דעם שולחן-ערוך און די פוסקים. דער רשב"א, בית-יוסף און רמ"א[67] רעדן קלאר פון "שערות של נשים שרגילין לצאת מחוץ לצמתן," און דער מגן-אברהם[68] ברענגט פון מר"מ אלשקר: "אותן נשים שבאים מארצות שאין דרכן לגלותן למקום שדרכן לגלותן מותרים לגלותן אם אין דעתן לחזור."[69] דער מגן-אברהם ברענגט אויך פון אבן-העזר[70] אז "משמע דוקא בשוק אסור [לילך בגילוי ראש], אבל בחצר שאין אנשים מצויים שם מותרים לילך בגילוי ראש וכן כתבו התוס' בכתובות." פון דער גמרא אין מסכת כתובות[71] זעט מען זאגאר אז אויב וואלט מען גע'אסר'ט צו גיין מיט גענצליך אויפגעדעקטע האר אין א חצר "לא הנחת בת אברהם אבינו שיושבת תחת בעלה" – ווייל אלע אידישע פרויען זענען געגאנגען אזוי. (אין דעם גייסט פון "העלמת עין", דארף דא אויך דערמאנט ווערן אז דער מנהג פון טייל חסידים צו באצוואונגען די פרויען גענצליך אפצושניידן די האר פון זייער קאפ איז קעגן א קלארער הלכה אין שולחן-ערוך[72] וואס אסר'ט דאס מטעם "לא תלבש".)

דאס צוריקגייען צו זוהר און קבלה אויף צו טרעפן מקורות פאר די היינטיגע נארמעס ברענגען אונז צוריק צו דער סתירה וואס מיר האבן פריער געזען אין "רוח אחרת". בויען א אידישקייט מיט א יסוד וואס איז קעגן דעם שולחן-ערוך און די פוסקים, און דאס באצוואונגען צוליב מקורות אין קבלה, איז קעגן דעם

[67] סימן ע"ה סעיף ב'.
[68] ס"ק ד'.
[69] סימן ל"ה.
[70] סימן כ"א סעיף ב'.
[71] ע"ב.
[72] יורה-דעה סימן קפ"ב סעיף ה'.

הלכה'דיגן פרינציפ וואס מיר האבן שוין פריער דערמאנט, אז א הלכה וואס שטאמט פון קבלה איז נישט מחייב.

לויט דעם מחבר און די פוסקים,[73] איז כיסוי ראש פאר א מאן א מידת חסידות ווען מען גייט פחות מד' אמות, גאר ווייט פון דעם אומצווידייטיגן היינטיגן חינוך אז מען דארף מכסה זיין דעם קאפ יעדע רגע פון טאג און נאכט. דער אידישקייט-יסוד מיט וואס מ'איז מחנך אפילו די קליינע קינדער איז אין קאנטראסט צו דעם חידוש פון דעם מגן-אברהם אז עס איז בלויז "נכון" מכסה צו זיין דעם קאפ אפילו פון קטנים.

מצות תפילין ווערט היינט באטראכט ווי א יסוד פון אידישקייט. פארפאסן צו לייגן תפילין אפילו איין טאג איז א זאך וואס קומט נישט אויפ'ן געדאנק אפילו פון דעם שוואכסטן ארטאדאקסישן מאמין. אבער אין דעם שולחן-ערוך אין די נושאי כלים זענען פאראן א סך אויסנאמען ווען דער חיוב צו לייגן תפילין איז נישט אזוי שטארק, און א מענטש האט זאגאר רעכט צו באשליסן ווען ער האט נישט די פיזישע אדער גייסטישע מעגליכקייט צו לייגן תפילין.

דער מחבר[74] פסק'נט אז א מענטש וואס ליידט פון "חולי מעיים" איז פטור פון תפילין, און עס איז משמע אז יעדער מענטש וואס קען נישט נזהר זיין נישט צו מפיח זיין ביים דאווענען איז אויך פטור. דער רמ"א לייגט צו: "אפילו אין לו צער." דער באר-היטב לייגט צו אז דער מענטש קען זיין געזונט און שטארק, און אפילו גיין "בשווקים וברחובות," און דאך וועט ער זיין פטור אויב ער ווייסט אז ליידט אויפ'ן מאגן. דער רמ"א לייגט אויך צו אז לאו-דווקא חולי מעיים פטר'ט, נאר אפילו אנדערע מחלות וועלכע ברענגען אז דער מענטש זאל האבן צער "ואין דעתו מיושבת עליו." דער מחבר[75] פסק'נט אז ווער עס לייגט תפילין דארף זיין נזהר פון א הרהור פון תאות אשה, און דער רמ"א זאגט דערויף אז ווער עס קען נישט נזהר זיין, זאל בעסער נישט לייגן קיין תפילין. דער מחבר[76] פסק'נט: "מצטער ומי שאין דעתו מיושבת עליו ונכונה פטור

[73] סימן ב' סעיף ו'.
[74] סימן ל"ח סעיף א'.
[75] סעיף ד'.
[76] סעיף ט'.

[מתפילין]." דער מגן-אברהם[77] לייגט צו: "משמע אפילו מפני הצינה," ווי עס ווערט געברענגט אין דער ירושלמי אז ר' יוחנן האט נישט געלייגט קיין תפילין מפני הצינה, און נאך איינער וואס האט נישט געלייגט קיין תפילין אין א טאג וואס ער איז צוריקגעקומען פון א וועג. דער מחבר[78] פסק'נט אויך אז "חתן ושושביניו (רעיו השמחים עמו) וכן בני חופה פטורין [מתפילין] משום דשכיח קלות ראש." (דאס איז אויך נוגע די נקודה פון "רוח אחרת" – ווי עס איז נישט בייגעפאלן פאר די פוסקים צו אסר'ן דעם "קלות ראש", נאר האבן זיך גערעכנט מיט דעם פאקט, און האבן צוליב דעם מתיר געווען נישט צו דארפן לייגן תפילין.)

דער מחבר[79] שרייבט אז די וואס לייגן נישט קיין תפילין זענען "פושעי ישראל בגופן." דער מגן-אברהם[80] לייגט אויף דעם צו אז דאס איז "דווקא שאינו מניחן בשביל ביזוי מצוה, אבל היראן להניחם משום דבעי גוף נקי ושמא לא יזהר בקדושתן לא הוי פושע." אויף אן אנדערן ארט זעען מיר אויך א לייכטקייט בנוגע פארפאסן א טאג תפילין, מיט דעם וואס דער מחבר[81] פסק'נט אז אויב מען האט נאך נישט געלייגט תפילין אבער מען האט שוין געדאווענט מעריב, אפילו אויב עס איז נאך "מבעוד יום", זאל מען שוין נישט לייגן קיין תפילין.

## נשתנו העתים

ווען מען לערנט דעם שולחן-ערוך באגעגנט מען זיך מיט פילע פאקטן וועלכע ווייזן אויף גאר אן אנדערן סדר-החיים ווי דאס וואס מיר פארמאגן היינט. טייל פון די טייטשן זיך איבער אויף אומרעלעוואנץ פון פארשידענע הלכות[82] און טייל דייטן נאר אן אויף א לעבן צו וועלכן מיר קענען זיך גארנישט מתייחס זיין. דאס איז א וויכטיגע נקודה ביים באטראכטן דעם תוקף פון דעם שולחן-ערוך אויף דעם היינטיגן לעבן צו פארשטיין אז די מחברים פון דעם שולחן-ערוך מיט די נושאי כלים האבן געלעבט אין א גענצליך אנדערער וועלט, און עס איז לעכערליך צו גלייבן אז זייער פסקים און שיקולי-דעת קענען אונז היינט מחייב זיין.

[77] ס"ק י"א.
[78] סעיף ז'.
[79] סימן ל"ז.
[80] ס"ק א'.
[81] סימן ל' סעיף ה'.
[82] ווי דאס וואס מיר האבן פריער געזען פון אורח-חיים סימן ק"נ.

אין די ערשטע הונדערט סימנים פון שולחן-ערוך אורח-חיים באגעגנען מיר זיך מיט אינטערעסאנטע פאקטן פון לעבן פון דער תקופה פון די מחברים. אזוי זעען מיר אז עס זענען געווען מצוי זונות ישראליות מיט וועלכע די פוסקים האבן זיך גערעכנט,[83] א נייער בגד איז געווען א גאר זעלטענע געשעעניש,[84] דער סדר פון מענטשן איז געווען אויפצודעקן דעם ארעם ביז איבער דעם עלנבויגן,[85] דער שוק הרגל פון מענער איז כסדר געווען אויפגעדעקט,[86] דער מרחץ איז געווען א חלק פון לעבן און מ'האט דארטן פארוויילט נאקעט,[87] און מען איז געווען באהאווענט אין דעם לשון-המדינה אויף דעם שטאפל אז מ'זאל דערין קענען מדקדק זיין פונקט ווי אין לשון-הקודש.[88]

דער בית-יוסף[89] ברענגט די גמרא אין מנחות[90] אז די צווייטע זייט פון די רצועות אויף די תפילין טאר נישט זיין רויט. די גמרא ברענגט אויף דעם צוויי טעמים: איינס, מען וועט מיינען אז די רצועות זענען פארשמירט געווארן פון בלוט פון א וואונד. צוויי, מען וועט מיינען אז ער האט געהאט תשמיש מיט זיין ווייב בעת נדתה בשעת ער האט אנגעהאט די תפילין, און עס איז פארשמירט געווארן פון איר דם-נדה.[91] אפנים דאס איז געווען א נאנטער חשש אויף וועלכן מ'האט געדארפט אוועקשטעלן א גדר צו אסר'ן רויטע רצועות.

עס איז געווען דער סדר צו גיין שלאפן

[83] "אין מוכרין טלית מצויצת לגוי" (סימן כ' סעיף ב'), והטעם מבואר במהר"י אבוהב "משום שלא יבא לשכב עם זונה ישראלית שתחשוב שהוא ישראל".
[84] חיוב לברך שהחיינו על טלית (סימן כ"ב סעיף א').
[85] סימן כ"ז ט"ז ס"ק ב', והוא מגמ' והובא בב"י.
[86] בעטרת זקנים (סימן ע"ה) מעתיק לשון הגמרא (ברכות כ"ד ע"א): "אפילו שוקה – שדרך להיות באיש מגולה – אפילו הכי באשה הוה ערוה ואסור לקרות קרי"ש כנגדה".
[87] סימן מ"ה סעיף ב'.
[88] סימן ס"ב סעיף ב'.
[89] סימן ל"ג.
[90] ל"ה.
[91] ועיין סימן מ' סעיף ו'.

נאקעט,[92] און מען האט נישט געזען קיין פרינציפיעלן פראבלעם צו ליגן אין בעט נאקעט מיט קליינע קינדער ״אפילו כשנוגעין בערותן זו בזו.״[93] דאס לעבן אויפ׳ן פעלד ווערט רעפלעקטירט אין פילע מקומות, צווישן זיי, ווען דער מחבר און די פוסקים ווייזן ארויס א געוואלדיגער בקיאות אין די חילוקים פון די צואה און מי-רגלים פון פילע סארט בהמות, ווי כלב, חזיר, חמור, חתול און נמיה.[94]

## וואס איז די ארטאדאקסישע אויטאריטעט?

דער פאקט אז ארטאדאקסיע איז **באזירט** אויף דעם שולחן-ערוך מאכט אים נאכנישט פאר אן אויטאריטעט. דאס אז ארטאדאקסן איגנארירן אפענע הלכות בלויז ווייל זיי זענען מער נישט פאפולער (״העלמת עין״), האבן אן אנדערע געדאנקענגאנג פון דעם שולחן-ערוך (״רוח אחרת״), בויען יסודות הדת וועלכע עקזיסטירן נישט אין דעם שולחן-ערוך (״תולה ארץ על בלימה״), און לעבן א גענצליך אנדערן סארט לעבן ווי די בעלי השולחן-ערוך והפוסקים (״נשתנו העתים״), ווייזט קלאר אז די ארטאדאקסישע באציאונג מיט דעם שולחן-ערוך איז נישט ווי אן אויטאריטעט. ארטאדאקסיע, פונקט ווי קאנסערוואטיווער און רעפארם אידישקייט, איז גענצליך באזירט אויף געזעלשאפטליכע נארמעס.

עס ווערט אמאל געפרעגט די פראגע ״וואס מאכט א מענטש פאר אן ארטאדאקסישן איד?״ דער פארשפרייטער תירוץ איז: ״אז ער פאלגט דעם שולחן-ערוך.״ אבער דער אמת׳ער תירוץ איז אז א איד באשטימט צו וועלכער דענאמינאציע פון אידישקייט ער באלאנגט לויט די געזעלשאפטליכע נארמעס וואס ער נעמט אויף זיך. אויב גייט ער נאך די ארטאדאקסישע געזעלשאפטליכע נארמעס, דאן איז ער אן ארטאדאקס, אויב גייט ער נאך די געזעלשאפטליכע נארמעס פון די קאנסערוואטיוון, רעקאנסטרוקציאניסטן אדער רעפארמער — דאן באלאנגט ער צו יענער גרופע. דאס ברענגט אונז צו דער אנערקענונג אז אלע אידישע דענאמינאציעס פארמאגן איין אויטאריטעט: ״פוק חזי מאי עמא דבר״[95] — גיי כאפ א בליק ווי אזוי דאס פאלק פירט זיך.

ארטאדאקסיע נעמט פאר זיך די רעכט אפצוטרעטן פון דעם שולחן-ערוך, און זיך פאמעליך אוועקקערן פון דעם גייסט פון אט-דער אנגעבליכער אויטאריטעט. אבער אויב די שינויים זענען נישט אויף איינמאל — זיי קומען שטייט און אומבאמערקבאר, דאן טוישט זיך נאר דער פראקטיק אבער די טעאריע בלייבט די זעלבע — ענליך צו דעם הלכה׳דיגן כלל ״קמא קמא בטל.״[96] די טעאריע אז ארטאדאקסיע איז באזירט אויף דעם שולחן-ערוך בלייבט, אבער דער פראקטיק דערפון עקזיסטירט מער נישט. דאס גיט אבער נישט רעכט צו קוקן בלויז אויף דער הווה אן צוריקבליקן. א ברייטן היסטארישן בליק, און אן אנאליז אויף דעם קאנטראסט צווישן ארטאדאקסישע טעאריע און פראקטיק, ווייזט אז ארטאדאקסיע איז בויגזאם, און איז באזירט אויף דער טאוטאלאגיע פון נאכלויפן די אייגענע געזעלשאפטליכע נארמעס. ❖

[92] סימן ס״ג סעיף א׳.
[93] סימן ע״ג סעיף ג׳, ובעטרת זקנים שם.
[94] סימן ע״ט.
[95] עירובין י״ד.
[96] עבודה זרה ע״ג.

## די פסקים פון דעם אר״י

די מנהגים פון רבי יצחק לוריא, באקאנט ווי דער ״אר״י״, שפילן א שטארקע ראלע אין דעם פראצעס פון הלכה, און ווערן אפט צוגעברענגט אין די פוסקים, בפרט אין דעם מגן-אברהם. אבער ווען עס קומט למעשה וועלכע מנהגים מיר האבן ענדגילטיג מקבל געווען און וועלכע נישט, זעט מען אז מען האט אנגענומען דעם אר״י ווי א פוסק דווקא וואו ער איז געווען ראדיקאל און מיסטיש. אויב האט ער אויסגעדרוקט א דעה וואס איז געווען ראציאנאל-אריענטירט האט מען ליבערשט אנגענומען די אנדערע דעה.

ווען דער אר״י האט מחמיר געווען אז מ׳זאל גיין מיט ציצית אפילו ביינאכט,[97] איז עס נתקבל געווארן, אבער ווען דער אר״י האט נישט געהאלטן אז מען זאל לייגן אן עטרה אויף דעם טלית[98] האט מען נישט אנגענומען זיין שיטה.

ווען דער אר״י האט געהאלטן אז דער טלית-קטן דארף זיין דווקא אונטער דעם בגד,[99] האט מען נישט אנגענומען זיין פסק – כאטש אין דעם פאל איז דאס געווען דער פארשפרייטער מנהג ווי מען זעט בכמה מקומות. (זע סימן י״ג,[100] וואו עס ווערט גע׳פסק׳נט אז אויב ציצית ווערט פסול אינמיטן שבת מעג מען עס ווייטער טראגן אויף זיך, וויבאלד ״גדול כבוד הבריות״, און עס וואלט געווען א בזיון אויסצוטון די ציצית אינמיטן דער גאס. ווי דער מחצית השקל איז דארט מסביר איז דער בזיון אז כדי אויסצוטון די ציצית מוז מען דאך אויסטון אלע בגדים איבער דעם, וועט אויסקומען אז ער זאל בלייבן נאקעט אינמיטן דער גאס. און אין סימן כ״א איז דער טורי-זהב[101] מתיר צו גיין אין ביה״כ מיט דעם טלית-קטן ״שלובשין תחת הבגד שאנו נוהגים בו, בזה ודאי מותר ליכנס לצרכיו כיון שהוא מכוסה.״) אזוי אויך ווען דער אר״י האט מתיר געווען צו מאכן די כריכות פאר די תפילין של יד פאר׳ן אנטון דעם של ראש[102] האט מען נישט אנגענומען זיין פסק.

דאס זעלבע האט מען נישט מקבל געווען דעם פסק פון דעם אר״י נישט צו זאגן פיוטים און פזמונים ״אלא מה שסדרו הראשונים כגון הקלירי,״[103] און אזוי אויך זיין פסק נישט צו רעדן אין א בית הכנסת קיין שום זאך חוץ תפילה, אפילו נישט דברי מוסר ותשובה.[104] ענליך צו דעם, ווען דער אר״י האט ״געלאכט״ פון דעם מנהג צו שניידן די נעגל ״דבהג״א בשמאלו ובדאג״ה בימין,״[105] האט מען זיך אויסגעלאכט פון זיין לאכן.

[97] סימן כ״א מגן-אברהם ס״ק ב. [98] סימן ח׳ ס״ק ו׳. [99] סימן ח׳ סעיף י״א. [100] סעיף ג׳. [101] ס״ק ג׳.
[102] סימן כ״ה ס״ק י״ח. [103] סימן ס״ח מגן-אברהם ריש הסימן. [104] סימן קנ״א ס״ק ג׳. [105] סימן ר״ס ס״ק א׳.

הלכה / אינטערנעט:

# תשובה להלכה בענין השאלונים של כמה בתי חינוך

**נדרשתי לאשר שאלוני בענין השאלונים (questionnaires בלע"ז) בעניני טכנולוגיה שכמה מוסדות החינוך חרדיים שולחים להורי התלמידים, ונדרשים לענות על כל מיני שאלות בנוגע חייהם הפרטיים, והמשכת לימודיו של הילד תלוי בעניית השאלון כפי ראות עיני המוסד. ועל זה נפשם בשאלתם האם מותר לשנות מפני דרכי שלום ולצורך מצוה כדי שילדיהם יזכו להתחנך על דרך התורה.**

ראשית כל נדון אם יש בכלל איסור בהחזקת כלים טכנולוגיים בבית, ובפרט כשהם מחוברים לאינטרנט, והאם יש רשות למוסד להתנות החזקת התלמיד בתנאים כאלו.

והנה, היסוד אשר המוסדות החינוך נשענים עליו לאסור ולאכוף על הורי תלמידיהם את השימוש והחזקה בבית שלהם מכשירי טכנולוגיים הלא הוא דברי הפוסקים שהשימוש באינטרנט שלא לצורך פרנסה דבר איסור הוא. ולפי דברי הפוסקים הללו, מי שעובר על איסור זה הריהו פורץ גדר ועל כן אין להחזיק ילדיו במוסדות חינוך. ועוד טוענים המוסדות הללו, שמכיון שילד הגדל בבית שיש שם אינטרנט יצא לתרבות רעה, הרי אין להם אחריות להחזיקו במוסד שלהם ולחנכו לתורה ולמצוות, וגם יש חשש שיקלקל תלמידים אחרים.

ונימוקם של אלו הפוסקים האוסרים את השימוש באינטרנט הוא בהנחה שכשמשתמש באינטרנט עובר על איסור הסתכלות בנשים, איסור הרהור עבירה, קריאת דברי חשק, ניבול פה, אל תשכן באהליך עולה ומינות. אמנם המכיר את המציאות יודע שאין האינטרנט רק כלי להעברת מידע, ובאיזה אתרים לבקר תלוי אך ורק בבחירת המשתמש, ועל כן פשוט שאין לאסור את האינטרנט בשלימותה, כמו שאי אפשר לאסור את ההילוך ברחוב אע"פ שאפשר שיתקל בבית זונות בדרכו לבית מדרש. אלא במה שיש לדון בזה משום הא דמצינו דבאיכא דרכא אחרינא נקרא רשע.

ופשוט הוא שאין לומר על עצם ההשתמשות באינטרנט שאם איכא דרכא אחרינא נקרא רשע, דהרי לא שייך איסור על עצם ההשתמשות. אבל כשצריך להשתמש לצרכיו באתר שיש בו גם תמונות לא צנועות, אז שייך לדון מצד דאיכא דרכא אחרינא.

והנה מקורו של דין זה הוא בבבא בתרא (נ"ז ע"ב) והכי שנינו שם. ועוצם עיניו מראות ברע, א"ר חייא בר אבא זה שאין מסתכל בנשים שעומדות על הכביסה. מקשה הגמרא, היכי דמי, אי דאיכא דרכא אחריתא רשע הוא, ואי דליכא דרכא אחריתא אנוס הוא. ומתרצינן לעולם דליכא דרכא אחריתא ואפילו הכי מיבעי ליה למינס נפשיה. וברמב"ם (הל' איסורי ביאה פכ"א הכ"א) לא פסק כמסקנת הגמרא דמיירי בליכא דרכא אחרינא אלא פסק בסתמא, דאסור לאדם להסתכל בנשים בשעה שהן עומדות על הכביסה (ובצ"פ ציין בזה לע"ז מ"ח ע"ב שגם שם לא פסק הרמב"ם החילוק בין איכא דרכא אחרינא ללד"א).

אבל אפילו אם נאמר דלהלכה נקטינן שיש חילוק בין איכא דרכא אחרינא לליכא דרכא אחרינא, ברור שאין לדמות ההשתמשות באינטרנט בכלליות לעובר בשפת הנהר כנ"ל, אלא רק ההשתמשות באתר המכיל תוכן לא צנוע יש לדמות. ובאיכא דרכא אחרינא, דהיינו שאפשר לו לסדר צרכיו גם ע"י אתר צנוע יותר, נקרא רשע באם משתמש בהאתר הלא צנוע, אבל בליכא דרכא אחרינא, דהיינו שלצרכיו יצטרך להשתמש עם אתר הפחות צנוע, נקרא צדיק אם עוצם עיניו מלהסתכל על התמונות הלא צנועות, ואם נכשל הרי הוא אנוס, ורחמנא פטריה. אבל ברור שמצד איכא דרכא אחרינא אין לחייבו לשום מסנן, אלא להשתמש עם אתר יותר צנוע. ומי שמשים מסנן יש לומר שהרי הוא בכלל עוצם עיניו מראות ברע, שנקרא צדיק.

ולפי זה ברור שאין לאסור את המותר לכתחילה, והמחזיקו בביתו בודאי שא"א לכנות אותו פורץ גדר, כי מי נתן רשות להגודרים לגזור גזרות חדשים אשר אין להם יסוד ואחיזה בתורתינו הק'. וכן לגבי החשש שחוששים שמא יתקלקלו הבנים, הרי המשתמש בכלי האינטרנט בחכמה יודע איך להשתמש בו לטובה ואין שום חשש שבניו יתקלקלו חלילה, או שיקלקלו אחרים ח"ו.

והנה אלו שדנו בזה לאיסור, התירו כשמשתמשים באינטרנט לצורך פרנסה. ודבר פלא הוא, וכי היכן מצינו דבר שיהא אסור בתכלית האיסור ולצורך פרנסה יהא מותר? ומרב אחד שמענו שהמשיל ההשתמשות באינטרנט לאכילת נו"ט. ובעניי לא זכיתי להבין, וכי יעלה על הדעת שאכילת נו"ט יתירו לצורך פרנסה.

איברא, הסברא הישרה נותנת שהאינטרנט הוא כלי מחזיק ברכה, ולא רק שהשימוש בו אינו אסור אלא אדרבא, ע"י ההשתמשות בו נוכל להשיג הרבה יותר ממה שהיה אפשר להשיג עד הנה. וכמו שהקב"ה טמן חכמת האלקטרי בבריאה, וכיון שהמציאו חכמי או"ה התחילו כל בית ישראל להשתמש ביתרונות האלקטרי ולא אסרו מכוח גזירה שהאלקטרי יכול להביא גם לעבור עבירות, וכן נמי עם כל שאר תגליתיהם והמצאותיהם של חכמי או"ה כמו חכמת הדפוס, מסילות הברזל, מכוניות, טלפון וכדומה, מעולם לא שמענו שהיה אפילו גדול אחד שהתנגד להשתמש עם המצאות הללו, אע"פ שכמובן לכל בר דעת אפשר לבוא ע"י המכשירים האלו לעבור חלילה על מצוות הא-ל ית'. ומצאתי שהיש"ר מקאנדיא, אחד מגדולי הקדמונים, כתב נגד חכמת הדפוס

שהמציאו שנים אחדים לפני זמנו, בנימוק שזה הביא אסון לעולם מכיון שכל אחד מדפיס מה שהוא רוצה ומיד מתפרסם בכל העולם כולו, ואעפ״כ הוא גופא השתמש בחכמת הדפוס לפרסם ספריו ברבים, הרי שאע״פ שהם ידעו שיש סכנה בגו, מ״מ לא מנעו עצמם מלהשתמש עם החכמה שנתן אלקים ליראיו.

וה״ה עם חכמת האינטרנט, וידוע ומפורסם הדבר כמה תועליות יש לאינטרנט בין לעוסקים בחיי שעה להביא כלכלה לביתם ובין לעוסקים בחיי עולם שיש ע״י האינטרנט גישה לשיעורי תורה וספרי קודש וכתבי ידות לאין ערוך. וידוע מה שאמרו חכז״ל שכל מה שברא הקב״ה בעולמו לכבודו ברא, וברור שכלי מחוכם כזה יש להשתמש בו לטוב ולמוטב והבחירה תלוייה ביד האדם. ומצאתי כתוב בשם כ״ק הגה״ק מקלויזענבורג זצ״ל (הליכות חיים, עמ׳ קצ״א) בזה״ל: ״כל העולם כולו לא נבראה אלא בשביל ישראל, ולדוגמא בדורות הקודמים הטביע הקב״ה טבע בעולם שהגויים יאהבו לשתות לשכרה, וכל זאת כדי שליהודים תהא פרנסה, וכידוע בתי מרזח לאין שיעור היו בידי היהודים וכו׳, והוא הדין בנידון [להתשמש עם נרות שהמציאו הנוצרים לחגיהם לצורך נוי סוכה], את הנרות המהבהבים האלו יצר הקב״ה בעבור סוכותיהם של בני ישראל, אך מי הוא זה ואיזהו אשר יקים מפעל מיוחד בכדי לספק את צרכי סוכותיהם של היהודים משך שבע ימים בשנה, ועל כן עשה הקב״ה שיהיה גם לגויים חגים לששון, ולזה כבר ישתלם לגויים להקים מפעלים לייצר הדברים הללו, וממילא כבר יבוא מכך ההוד וההדר גם לסוכות ישראל״, ע״כ.

והנה, אחר שבררנו שאין שום איסור להחזיק כלי המחובר לאינטרנט, וכש״כ אם התקין לו מסנן, לא נותר לנו אלא לברר מה דינו של השאלון בענין האינטרנט ששולחים הבתי חינוך להורי תלמידיהם. ולכאורה כפי הנראה, אם יענה אמת לאמתו אזי במקרה הטוב ביותר יעשו לו בעיות, וידחקו אותו וישימו עליו לחץ שלא כדת, ויש מקום רב לחשוש להגרוע מכל, דהיינו שיסלקו ילדיו מהמוסדות. ועל כן יש לדון האם מותר לשנות מן האמת כדי שיזכו בניו בחינוך על דרך התורה.

אמנם, שקר הוא אחת מן החמורות שבתורה ולאו מלתא זוטרתא הוא, עד כדי כך שבתורה כתוב שיש להתרחק מן השקר, דבר שלא כתבה על שום עבירה אחרת. אולם, מצאנו הרבה מקומות בחז״ל ובפוסקים שיש אופנים שבהם מותר לשנות מן האמת. ביבמות (ס״ה ע״ב) איתא שמותר לשנות מפני דרכי שלום, ובב״מ (כ״ג ע״ב) מובא דיש לת״ח לשנות מן האמת במסכת, בפוריא, ובאושפיזא, וכן מצינו בגמ׳ עובדות מאמוראים ששינו מן האמת כמו עובדא דר׳ פפא (ברכות מ״ג ע״ב), עובדא דר׳ ישמעאל (בב״מ ל׳ ע״א) וכן הרבה. וברור מכ״ז שכשיש צורך חשוב באופן דלא חב לאחריני יש מקום לסמוך לשנות מן האמת.

והנה, בנידון דידן כשיש צורך לשנות כדי שיזכו בניו ובנותיו לחינוך הגון הרי אין זה רק צורך חשוב, אלא גם צורך מצוה. ובתענית (כ״ח ע״א), ת״ר מה היו בני גונבי עלי ובני קוצעי קציעות. אמרו פעם אחת גזרה המלכות גזירה על ישראל שלא יביאו עצים למערכה ושלא יביאו בכורים לירושלים והושיבו פרוזדאות (פרש״י, שומרים) על הדרכים כדרך שהושיב ירבעם בן נבט שלא יעלו ישראל לרגל, מה עשו כשרין ויראי חטא שבאותו הדור, הביאו סלי בכורים וחיפום בקציעות ונטלום ועלי על כתפיהן וכיון שהגיעו אצל פרוזדאות אמרו להם להיכן אתם הולכין, אומרים להם לעשות שני עיגולי דבילה במכתשת שלפנינו ובעלי שעל כתפינו. כיון שעברו מהן עיטרום בסלים והביאום לירושלים ע״כ. ועיי״ש עוד ששינו גם לצורך הבאת עצים למערכה. וכן מצינו במדרש (מעם לועז וירא כ״ב, א׳) שאברהם אבינו שינה לשרה כדי שלא תעכבהו להעלות יצחק להר המוריה בפרשת העקידה, וכן בתנחומא שם מובא דאברהם שינה לשטן כדי שלא יעכבהו. וכן מצינו במפרשים שיעקב אבינו אמר אני עשיו ושינה מן האמת כדי לקיים ציוויה של אמו רבקה. הרי שכדי להסיר עיכובים מלקיים מצוות מותר לשקר, וכן הוא הדין כאן כדי שלא יעכבהו מלשלוח בניו למוסד הגון מותר לו לשנות.

ובבי מדרשא מטי משמיה דהגאון הגדול פוסק הדור הגרש״ז אויערבאך זצ״ל שבמקום עין הרע או שיש חשש הפסד אם יתודע איזה דבר, מותר לשנות מן האמת. וא״כ כש״כ הכא שיש חשש הפסד בענינים רוחניים שמותר לו לשנות.

ובפוסקים מצינו עוד, שכהנשאל יודע שכוונת השואל אינו לגלות את האמת, כגון בשידוך שכך הוא דרכן של בני אדם לשאול על המדובר אם הוא בר הכי ובעל מידות, שיש לשנות. והרי בנידון יש הרבה שידוע שכל השאלון אינו אלא להראות להעמים והשרים את יפיה לאמר, ראו מה בין בני לבן חמי, כלומר שאר המוסדות בעיר. ובאוזני שמעתי מאיש שהוא חבר בועד החינוך של אחד ממוסדות החרדיים בעיר שאמר שגם לו יש אינטרנט בבית, אבל אעפ״כ הוא תומך לשלוח את השאלון להורים כי בלא״ה יצא שם רע על המוסד שכאילו לא איכפת להם מצבם הרוחני של תלמידיהם, ושל בתי ההורים.

ואפילו בלאו הכי יש לצרף עוד סניף יש לדון דהרי בניד״ד אינו אלא בכתב ולכן יש להקל כפי דעת האומרים ששקר בכתב אינו אסור (עי׳ מהרש״א ח״א ב״ב ט״ו, ט׳, ובשו״ת עצי זית סי׳ כ״ג, ובדומה לו בשו״ת מהר״י אסאד סימן שט״ז).

ע״כ, אם אין אופן אחר לעקוף עניית השאלון, בודאי מותר לשקר כדי להשיג חינוך תורני להילדים, וזכות קיום התורה הגדולה עד מאוד תעמוד לימינכם להתברך בכל מילי דמיטב מתוך רוב נחת והרחבת הדעת. ויהי רצון שיתקרב הימים אשר בהם יתקיים הבטחת הפסוק שימלא הארץ דעה את ה׳ כמים לים מתכסים, בב״א.

הכו״ח לכבוד התורה,

(–) ❖

**דערציילונג / אן אומגעוועגליכער באזוך:**

**פון: פ. כהן**

# דאס קוויטל

איך האב היינט עובר געווען אויף א שרעקליכער עבירה; איך האב געזינדיגט קעגן דער הלכה, קעגן מנהג, קעגן עטיקעט, און מסתמא האב איך אויך עובר געווען אויף עטליכע קבליסטישע עבירות. טא, לייג עס צו צו דער ליסטע. וואס איך האב היינט געטון איז געווען אז איך האב געלייענט די קוויטלעך פון אנדערע מענטשן.

ביי א קבר.

איך בין היינט געווען אין קאשויער שטעטל אין אפסטעיט ניו יארק, און אן קיין ספעציעלער סיבה האבן מיינע פיס מיך געצויגן צו דעם לאקאלן בית-הקברות. פונקט ווי ביי דוד המלך איז געווען רגליו מוליכות אותו לבית-המדרש, אזוי האבן מיינע פיס מיך געשלעפט צו דעם ליידיגן בית-הקברות. איך קען קיינמאל נישט גיין צו א בית-הקברות ווען עס דרייען זיך דארטן מענטשן, וויבאלד איך בין א כהן, און איך קען זיך נישט מטמא זיין ברבים. אבער היינט האב איך געטראפן א דעזערטירטער בית-הקברות, און איך האב מחליט געווען אז איך וויל כאפן א בליק; לאמיך זען וואס געוועגליכע אידן לעבן איבער און שפירן.

בין איך דורך דעם צוים, דורך די קברים, און אריין אין דעם אוהל. עס האט געשפירט קאלעמוטנע. די לופט איז געווען געדעכט מיט דעם גערוך פון ברענעדיגע טראוול-ליכט און צעלאזטע וואקס. די לופט איז געווען געדעכט צוליב דעם וואס מיר האבן געלערנט, "ויאמר אל תקרב הלם, של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קדש הוא" (שמות ג, ה). עס איז דא דאס געפיל פון פחד, פון א העכערן צוועק, פון מענטשן וואס קומען דא און גיסן אויס זייערע הערצער; דאס געפיל פון א וועג אריין אין יענער וועלט, אן אנדערער יוניווערס. ארויף, צום הימל — צו גאט.

דא ליגט דער גרויסער קאשויער רב. און דא אהער קומען טויזנטער חסידים יעדן יאר צו דאווענען, בעטן, זיך אויסוויינען, און צו האפן.

און זיי טוען עס מונדליך און בכתב. זיי נעמען א ליידיגן פאפיר, דווקא אזא וואס פארמאגט נישט קיין ליניעס (טויטע מענטשן ווערן צעמישט פון ליניעס), און שרייבן אראפ זייער נאמען, מאמע׳ס נאמען, קינדער׳ס נעמען און א קליינע ליסטע פון ספעציפישע בקשות, און ווארפן עס אריין אין דעם באשטימטן קוויטל-קעסטל ביי דעם פוס פון דעם קבר. זיי זאגן פאר דעם רבי׳ן וואס זיי ווילן, אדער געבן אים א רמז, אדער לאזן אים אליינס כאפן זייערע צרכים.

נאכדעם וואס איך האב זיכער געמאכט אז עס זענען נישטא קיין פארבארגענע קאמעראס אין דעם אוהל, האב איך מיך אראפגעבויגן און ארויסגענומען אן עקזאמפלאר פון דעם קעסטל. איך האב געוואלט זען וואס מענטשן שרייבן אויף די נאטיצן, און איך בין געווען געריירט און באאיינדרוקט.

רוב מענטשן שרייבן נישט קלאר; זיי שרייבן נאר זייער נאמען און מאמע׳ס נאמען. געוויסע זענען מער ספעציפיש, און אנדערע זענען זייער ספעציפיש. אט זענען עטליכע ביישפילן:

דאס איז פון אן אייניקל וואס בעט דעם רבי׳ן אז ער זאל קענען זען זיין באבען טאנצן ביי זיין חתונה: "זי זאל האבן א רפואה שלימה במהרה, און זי זאל האבן די כוחות צו קענען טאנצן אויף פילע חתונות."

דאס איז פון א אינגל, וועלכער איז ווארשיינליך געקומען פאר א "טריפ" מיט זיין גאנצן קלאס — איך האב געטראפן א סך ענליכע קוויטלעך, אבער דאס האט געכאפט מיין אויפמערקזאמקייט: "מאך אז איך זאל לעבן ביז הונדערט און צוואנציג, און העלף מיך מתגבר זיין אויף די תאוות איך זאל נישט טאטשן [!] וואו מ׳טאר נישט..." דאס האט מיך אויפגעשאקלט. בין איך אויך אזוי געווען? טראכט נאר פון אן 8-9 יעריג אינגל וועלכער שפירט שולדיג ווייל ער רירט זיין אבר בשעת׳ן גיין אין ביה״כ אדער ביים זיך באדן. אה! ווי בין איך צופרידן אז מיינע קינדער ווייסן גארנישט איבער "טאטשן וואו מ׳טאר נישט."

דאס איז פון א צוקונפטיגן כופר וועלכער איז נאך אין זיינע צענערלינגען: "העלף מיר אז איך זאל מיך דורכקומען מיט מיינע



חברים. העלף מיר אז איך זאל האבן ריינע מחשבות און א ריינע אמונה. העלף מיר אז שלעכטע מחשבות זאלן נישט אריין אין מיין מוח, און אז איך זאל זיי קענען אוועקשלאגן.״ ער האט הפנים פראבלעמען מיט זיינע מחשבות. איך וואלט אים אדאפטירט.

דאס פאלגנדע צעברעכט דעם הארץ – עס קומט פון א טאטן וועלכער בעט פאר זיינע קינדער: ״העלף זיי זיין גוטע און איידעלע קינדער, זיי זאלן זיך נישט קריגן איינער מיט׳ן צווייטן. זיי זאלן נישט האבן קיין קאמפלעקסן ... זיי זאלן לערנען כאטש פינף שעה ברציפות יעדן טאג.״

און דאס איז געווען פון א מאטעריאליסטישן יונגערמאן: ״מאך אז איך זאל געוואונען דעם זכרון משה ראפעל, אדער דעם נייטרער ראפעל, אדער דעם וויזניצער ראפעל.״ ער איז כאטש אויפריכטיג – א שטיקל חזיר, אבער נישט צופיל. ער שטופט נישט צו שטארק, און ער גיט דעם רבי׳ן דריי אפציעס פון וועלכע אויסצואוועלן. דער רבי דארף זיכער מאכן אז ער געווינט עפעס, אבער למעשה בלייבט דער באשלוס ביים רבי׳ן וועלכן ראפעל ער זאל געווינען.

*

עטליכע ערטער לינקס פון דעם רבי׳נס קבר ליגט די רעבעצין, זיי זענען געשטארבן עטליכע חדשים אפגעריקט. הפנים זיי זענען געווען שטארק פארליבט. זי באקומט אויך קוויטלעך, אבער אירע זענען פון אן אנדערן סארט. אין איר קוויטל-קעסטל געפונט מען חתונה-בריוולעך, פארטי-בריוולעך – די לאקאלע פרויען ווילן נאך אז זי זאל באשיינען זייערע אפערעס. רוב קוויטלעך זענען געשריבן זארגפעלטיג, מיט א קלארער האנטשריפט, אדער געדרוקט. פאר א פרוי קען מען נישט געבן א געפירקלטן קוויטל ווי מען גיט פאר דעם רבי׳ן, מען דארף שרייבן קלאר אדער אפדרוקן די בקשה. זייט קלאסיש.

*

נאכ׳ן באקומען א שטיקל באגריף אויף די פארשידענע סארט פארלאנגען וואס מ׳קען בעטן, נאכ׳ן זען ווי דער רבי באקומט כל-מיני פיקאנטישע בקשות, האב איך מחליט געווען צו פרובירן מיין מזל. וואס קען דען שאטן?

בין איך צוגעגאנגען צום טישל, גענומען א שטיקל פאפיר אן ליניעס, געכאפט א פענע און געשריבן:

״מאך מיר פאר א מיליאנער. איך וויל פארן איבער דער גאנצער וועלט. און העלף מיר מיט מיין שרייבן.״

איך האב אייביג געהאט דעם חלום צו פארן איבער דער גאנצער וועלט און שרייבן דערוועגן. אבער כדי דאס צו טון דארף איך האבן דריי זאכן: 1) די מעגליכקייט און פרייהייט צו פארן; 2) זיין א גוטער שרייבער; און 3) זיין א מיליאנער. איך האב געשפירט אז דאס איז מיין שאנס. איך האב געבעטן דעם הייליגן רבי׳ן, און לאמיר זען אויב ער האלט דערביי.

נאכ׳ן אריינוואוארפן דעם פאפיר אין דעם קוויטל-קעסטל, האב איך איבערגעבויגן מיין קאפ אויף דער מציבה, פארמאכט מיינע אויגן, און געזאגט אזוי:

הייליגער רבי, ווען דו ביסט עוסק אין מיין בקשה מיך צו מאכן פאר א מיליאנער, און א וועלט-פארער, און א שרייבער, קענסטו אפשר מיר אויך טון די גענאדע און מסדר זיין מיינע עבירות? דו זעסט, איך האב נישט געטארט קומען דא אין דיין אוהל. יא, איך ווייס. עס טוט וויי. איך האב מטמא געווען מיין הייליגער סטאטוס; איך האב מחלל געווען מיין מסורה. און אוי, איך האב נישט געטארט לייענען די קוויטלעך. איז זיי אזוי גוט פארמעק די צוויי עבירות, ווארף מיר אריין עטליכע מיליאנען, און מיר זענען בעסטע חברים.

און איך שווער אז איך ווער צוריק אן ערליכער איד.❖

**רעאקציע** / עקסטרעמיזם און פאראדיע:

פון: ד.ה.

# נייע אני מאמינ׳ס, איז עס א וויץ?

[״י״ג עקרים״, נומ. 9]

בתוך עמי אנכי יושבת, ווי טויזנטער אידישע קינדערלעך, דערקוויק איך זיך מיט׳ן ״שבת בלעטל״. אה, ווי נעמט מען אזא בלעטל? דאס איינציג אידיש בלעטל וואס קלאפט זיך נישט אין דער קאלעקטיווער חרדישער פלייצע; דאס איינציג אידיש בלעטל וואו מען טראכט מיט דעם קאפ, און נישט מיט אלטע פראזן און פארגעלטע סלאגאנען. דאס איז געווען פשוט כדי צו זיין מתחילים בדבר טוב, און וואס איז דען בעסער ווי א קאמפלימענט.

און יעצט, על של עתה באתי, די נייע י״ג עיקרים וואס דער וואונדערבארער שרייבער הערי ליפשיץ האט אהערגעשטעלט איז געווען לכל הדעות א מוסטער-ארבעט סיי מיט׳ן גרונטליך זאמלען די דאגמעס אין אונזער געמיינדע, מוציא זיין בר מן הפסולת, און אויסקלויבן טאקע די עיקרים, און דערנאך אזוי עלאקוואנט אוועקשטעלן.

ווען איך האב געליינט די עיקרים האב איך א קרעכץ געטון, בשעת ווען אנדערע האבן א שמייכל געטון.

והיה כי תשאלו, צו וואס א קרעכץ ווען מען קען א שמייכל טון?

ווייל די וואס שמייכלען פון א געשמאקער פאראדיע וואס צעלייגט עקסטרעמיזם, שאצן אונטער ווי שטארק פאר׳ס געזעץ איז פעליג אין אונזער מחנה.

(פאר׳ס געזעץ איז א כלל אין לאגיק, גערופן נאכן שרייבער נתן פאו, און איז שטארק נוגע אין דעבאטעס. די געזעץ לויטעט אז עס איז שווער מבחין צו זיין צווישן עכטע איבערגעטריבענע עקסטרעמיזם, און א נאכגעמאכטע פאראדיע וואס איז געצילט צו אפשפעטן. ביי אונזער מחנה איז עס גאנץ פארשטענדליך, אויב אן אויבער-חכם פאלט איין א געוויסע פרומע שטיק פאסיג צו חוזק מאכן, קען דאך איינפאלן די זעלבע פרומע שטיק פאר אן אמת׳ן עקסטרעמיסט וועלכער פארשפרייט עס מיט אן אמת.)

אז איר וואלט געזען די קול קורא קעגן שמאלע געפאסטע הויזן ביי אידישע מענער, וואלט איר געוויס געלאכט, אה, דאס איז א גוטע פאראדיע פון א רב וועלכער האט ווארשיינליך האמאסעקסואלע נטיות, און ער ווערט אנגעצינדן ווען ער זעט פארעמס פון מענערישע אחוריים, און כל שכן אויב זעט מען

עפעס וואס איז אן אנצייגעניש אויף דעם ברית קודש. אבער והנה און נון, רבנים האבן באמת ארויסגעגעבן אזא קול קורא.

אז איר וואלט געליינט די ווערטער וואס די היימישע צייטונגען האבן געשריבן איבער דער ״שרעקליכער גזירת שמד פון מציצה בפה״, וואלט איר געוויס געלאכט פון די נארישע עקסטרעמיזם, און געטראכט אז דאס איז א קלאסישער שטיקל פאראדיע, אבער אז איר ליינט עס אינווייניג זעט איר אז די וואס האבן דאס געשריבן מיינען עס ערנסט.

איך קען אזוי מאריך זיין בדוגמאות, אבער ווי גייט נאר דער באליבטער אויסדרוק ״ואכמ״ל״, אן אויסדרוק וואס איז גאר פאסיג פאר פוילע מענטשן. (פארשטייט זיך אז ״וד״ל״ ארבעט פיל בעסער, אבער נישט אייביג קען מען עס נוצן.)

והשתא דאתית להכא פארשטייט איר פארוואס ביי די י״ג עיקרים פאראדיע האב איך געקרעכצט, ווייל אז אונזערס אן אויבער-חכם איז געקומען פאר די אויגן די אלע אני מאמינ׳ס איז פשט אז זיי זענען באמת דא, און מארגן-איבערמארגן וועט עס טאקע ווערן נייע אני מאמינ׳ס.

הארט נאכ׳ן קרעכץ איבער וועלכן איך שרייב דא, האב איך אריינגעבליקט אין דעם קובץ ״עץ חיים״, ווינטער תש״ע, א קובץ פון באבובער חסידים. ברענגט דארטן א שרייבער מיט׳ן נאמען הרב אליהו גורפינקל פון ירושלים, א ליקוט פון אני מאמינ׳ס וואס שפעטערדיגע דורות האבן צוגעלייגט צו די י״ג עיקרים, און דערמיט צייגט זיך קלאר אז די י״ג עיקרים איז נישט פשט אז עס איז א ספר חתום, נאר פארקערט, יעדער ווארעמער מאמין מעג און זאל מוסיף זיין ערליכע עיקרי אמונה, וישמע חכם ויוסיף לקח.

ברענגט ער דארטן דוגמאות פון צוגעלייגטע אני מאמינ׳ס, וואס חכמי (?) הדורות האבן צוגעלייגט.

צוערשט ברענגט ער פון רבי דוד איבן בילא, וועלכער האט געלעבט אין פארטוגאל מיט זיבן הונדערט יאר צוריק. ער האט געשריבן אין זיין ספר ״יסודות המשכיל״ שפאגל נייע דרייצן אני מאמין׳ס, שלא שערום הרמב״ם.

דערווייל האב איך נישט געזען דעם ״יסודות המשכיל״, אבער דער בעל המאמר ברענגט אראפ דריי כאראקטעריסטישע אני מאמינ׳ס. דער ניינטער אני מאמין איז ״שתורתנו הקדושה הוא למעלה מן הספרות הפילוסופית״; דער צענטער אני מאמין איז ״שיש בתורתנו פנימי וחיצון״; דער עלפטער איז ״שתורתנו הקדושה אינה צריכה תיקון.״ אט דאס זענען געווען די דאגות פון ר׳ דוד איבן בילא אין פארטוגאל מיט זיבן הונדערט יאר צוריק.

דערנאך ברענגט ער פון דעם ספר ״יפה שיחתן של עבדי אבות״, פון הרב אלחנן האלפערן, ווי דער גאלדערס-גרינער רב שרייבט ״שמעתי שהבעש״ט הקדוש הוסיף שני עיקרי אמונה על הי״ג של הרמב״ם, ואלו הם: ראשית שבכל דור ודור יש צדיקים שהם בבחינת האבות והשבטים. שנית שכל מאורעות העולם הם בשביל ישראל.״

דער שרייבער צייכנט אויך אן אויף א קארלינער סידור, מיטן נאמען ״בית אהרן וישראל״ וואו עס שטייט אן אני מאמין, ״אני מאמין ברבי שמעון בר יוחאי, בבעל שם טוב וגדולי החסידות.״

אין סידור חלקת יהושע פונעם ביאלער רבי׳ן, הרב יחיאל יהושע ראבינאוויטש, זענען אויך געדרוקט געווארן א טוץ פריש-פארפאסטע אני מאמינ׳ס, ווארשיינליך באזירט אויף דער דערמאנטער מסורה בשם הבעל שם טוב. איינס פון זיי: ״אני מאמין שבכל דור יש צדיקים כאברהם יצחק ויעקב.״ (ווען איך וועל פארשטיין וואס עס מיינט דאס האלב-מיסטעריעזע ווארט ״בבחינת״, א ווארט וואס דערמאנט מיר פונעם גארנישט-זאגענדן ״וד״ל״, און ווען איך וועל וויסן וואס עס מיינט צדיקים ווי די ״שבטים״, וועל איך וויסן פארוואס הרב האלפערן פארגינט פאר די היינטיגע צדיקים נאר ״בבחינת האבות״ און דער ביאלער רבי שענקט זיי ממש ״כהאבות״. נו, וואס פארשטייען מיר דען?)

נו, אויב מיינט איר אז נאר ביי די חסידישע טוט מען די אני מאמין שטיק, נאט אייך א ליטווישער שטיקל. אין ספר ״דליות יחזקאל״ (עמוד קי״ג) פונעם חברונ׳ער ראש ישיבה הרב יחזקאל סרנא, שטייט אז מען דארף מאכן די פאלגענדע אני מאמינ׳ס: ״אני מאמין שקדושת עם ישראל הוא רק מה שנקדש בשעת מתן תורה ויציאת מצרים, ואין לצרף לזה שום צירופים כמו לאומיות וכדומה״; ״אני מאמין שמצוות ישוב ארץ ישראל הוא מצוה חביבה עד מאוד, ומצוה דרבנן נדחה מפניה, אבל לא נדחית מפניה שום מצוה דאורייתא״; ״אני מאמין שמצוות התורה בין מצוות דאורייתא בין מדברי סופרים, ואפילו מנהג אין לשנות בהן אפילו שינוי קל.״

הרב סרנא טוט דא אויף גאר דראסטישע אני מאמינ׳ס; ער נעמט דא די אני מאמינ׳ס צו ממש א העכערן שטאפל. זאכן וואס א ראש ישיבה דארף סתם זאגן צו תלמידים, און אפשר דארף אמאל א פרומער חבר-כנסת וועלכער ״קעמפט פון אינווייניג״ עס זאגןביים דוכן הכנסת, איז גאר א מחותן מיטן ״אני מאמין שהבורא יתברך שמו הוא בורא ומנהיג לכל הברואים״. אינטערסאנט ווי הרב סרנא, וועלכער איז געווען א ברייטער מענטש (די חברונער פראקציע איז די מערסט-ליבעראלע אין דער ליטווישער וועלט), האט גענומען די אני מאמין׳ס אזוי ווייט.

וואס איז גאר אינטערעסאנט אנצומערקן איז אז די אלע נייע אני מאמינ׳ס זענען רעאקציעס. זיי זענען נישט קיין שיטות אויסגעבויעט פון א פסוק, זענען נישט קיין מהלכים אין עבודת ה׳, זיי זענען אלע פונעם תחום פון ״ענינים העומדים על הפרק״ זיי האבן קשר מיט הנקרא בלשוננו ״קארענט איווענטס״.

דעם רמב״מ׳ס אני מאמינ׳ס זענען נישט געווען קיין ענינים העומדים על הפרק, נאר א גרונטליכע מסקנה פון איבערלערנען די עיקרי אמונה אין תורה, נביאים וכתובים און ספרי חז״ל, אז תחיית המתים, נבואת משה און הנהגת הבורא זענען אוניווערסאל און אייביג, און איז נישט קיין רעאקציע צו גארנישט.

אנדערש זענען די צוגעלייגטע אני מאמינ׳ס, וואס זענען ענטפערס צו דרויסנדיגע השפעות. איבן בילא׳ס אני מאמינ׳ס זענען ענטפערס צו דער רענאסאנס עפאכע פון פילאסאפיע, און ברויך צו אפשטעלן די התפעלות וואס אידן האבן געהאט צום נייעם אויפשטייג פון חכמה. מ׳שטיינס געזאגט בילא קלערט אז וואס טויזנט שופרות קענען נישט באווייזן, קען אן אני מאמין.

די חסידישע אני מאמינ׳ס (על כל פנים די ערשטע) זענען אן ענטפער צו התנגדות קעגן חסידות, און הרב סרנא׳ס איז א גאר בולט׳ער אגודה-סטיל אני מאמין. ווייל, צווישן אונז גערעדט, וואס אין דער וועלט טוט די נושא צי ישוב ארץ ישראל איז דוחה א דאורייתא אדער א דרבנן אין די אני מאמינ׳ס, מער ווי סיי וועלכער הלכה ווי פוצן די נאז אום שבת מחשש בורר? עס איז קלאר א להוציא מלבם של מזרחיסטן.

אויב קען מען מאכן אני מאמינ׳ס און מיט דעם אוועקשטעלן פעסטע יסודות קעגן דרויסנדיגע השפעות (און מיר ווייסן דאך אז תנועות וואס זענען רעאקציאנעריש זענען נאך מער מאכטפול ווי תנועות פון ספרים ארויס), קען מען נאך ערווארטן נאך. און אויף דעם גאנג וועט נישט נעמען לאנג ביז מיר וועלן זען פרישע אני מאמינ׳ס ווי הייסע ווארע, אזוי אז די י״ג עיקרים וואס הערי ליפשיץ האט געשריבן דא אין ״שבת בלעטל״ וועלן עווענטועל גאר זיין ליבעראל.

אויף דעם גאנג קענען מיר נאך ווארטן אויף אני מאמינ׳ס:

- אני מאמין שהרבי שליט״א הוא הרבי האמיתי מאת הבורא יתברך שמו, והאח אינו אלא בדאי;
- אני מאמין שאסור להשתמש באינטערנעט, ואם הוא מסונן מותר רק לצורך ביזנעס וכו׳;
- אני מאמין שאין עירוב בוויליאמסבורג;
- אני מאמין שאנשים חרדים לא מתעללים בילדים;
- אני מאמין ששיטת רבינו הקדוש זי״ע ותלמידיו הקדושים היתה אמת;

און בלויז שעפערישקייט קען עס נעמען וויטער... ❖

---

מחשבה / זיסקייט קעגן געטליכקייט:

פון: נתאי הארבלי

# דארף אידישקייט זיין געטליך כדי איר מקיים צו זיין?

נישט לאנג צוריק האט אן ארטיקל אויף אן אקאדעמישער וועבזייטל, געווידמעט צו סינטעטיזירן צווישן מאדערנער ביבל סקאלערשיפ און ארטאדאקסיע, באוויזן אויפצושאקלען די ווירטועלע אידיש-חסידישע וועלט. דער ארטיקל, פראוואצירנד באטיטלט ״מיין נאמען איז יואל, כ׳בין א סאטמארער חסיד און א ביבל-קריטיקער״, איז ברייט באשריבן געווארן אויף א חסידישן אינטערנעט-פארום און שטארק פארשפרייט געווארן אויף חסידישע שמועס-גרופעס. עס איז אויך העפטיג דיסקוטירט געווארן אויף פארשידענע גרופעס אין ״פעיסבוק״. דער ארטיקל איז געשריבן געווארן דורך א סאטמארער חסיד וועלכער האט אנטדעקט ביבל-קריטיק דורך ליינען ריטשארד פרידמאנ׳ס פאפולערן ביכל ״ווער האט געשריבן דעם ביבל״, און איז אין רעזולטאט אריבער אן אמונה-קריזיס. דער ארטיקל איז אן עלאקוואנטע שילדערונג פון זיין דורכגאנג, און די עוואלוציע פון זיין אמונה.

דער שרייבער שטרייכט אונטער אז ער איז דירעקט נישט קיין באהאלטענער אראפ-פון-דרכ׳ניק, אדער אן אטעאיסט. ער איז, ווי ער טענה׳ט, א פולקאמער שומר תורה ומצוות. נאר וואס דען? ער גלייבט נישט אין מתן תורה ווי שיטת רבי שמעון אין מסכת בבא בתרא (דף ט״ו) און ווי דאגמאטיזירט דורכ׳ן רמב״ם אין זיינע דרייצן עיקרים. פאר רוב ארטאדאקסישע אידן, און אוודאי אזוי פאר חסידישע אידן, וועט אזא מהלך אויסזען מאדנע און סתירה׳דיג. דער געדאנק פון שמירת תורה ומצוות פאר איינער וואס גלייבט נישט אין דער טראדיציאנאלער הבנה פון תורה מסיני און תורה מן השמים זעט אויס לעכערליך און אומלאגיש. און טאקע, ס׳רוב רעאקציעס צו דעם ארטיקל זענען געלאפן אויף דער ליניע אז דער מחבר איז א היפאקריט, ווייל אז ער גלייבט נישט אין דער אידישער מסורה וואס שטופט אים אנצוהאלטן ארטאדאקסיע?

יואל׳ס טענה אז גייסטישע ווירדן אין דער תורה וועלכע וועלן זיך האלטן נאר דורך די גדרים וואס הלכה שטעלט אוועק דארפן זיין גענוג א שטארקע מאטיוו צו פארבלייבן ארטאדאקסיש, איז געפאלן אויף טויבע אויערן. ווי א שטארק-פרומער איד האט זיך פאר מיר אויסגעדרוקט: ״איינמאל מען גלייבט נישט אז גאט האט פארבאטן צו עסן בשר בחלב, פארבלייבט נישט קיין שום אפהאלט אין דער וועלט זיך אריינצוזעצן אין א ׳מעקדאנעלדס׳ און פארבייסן א ׳מעק-ענד-טשיז׳.״

צוויי וואכן נאכדעם וואס דער ארטיקל איז פובליקירט געווארן, איז פארגעקומען דער יערליכער קאנווענשאן פון ״אגודת ישראל ד׳אמעריקע״. ביים קאנווענשאן האט אויפגעטרעטן הרב זכריה וואלערשטיין, דער מנהל און גרינדער פון ״אור נאוה״, א שולע פאר מיידלעך וואס פאלן ארויס פון קאנווענציאנעלע חרדישע שולעס. ביי דער דרשה האט הרב וואלערשטיין אויסגערופן מיט פאטאס אז ס׳רוב קינדער וואס פארלאזן אידישקייט איז צוליב דעם וואס זיי ווייסן נישט פון קיין זיסער אידישקייט.

״איך רעד שוין נישט פון קינדער-אין-ריזיקע (kids-at-risk),״ האט הרב וואלערשטיין געזאגט. ״איך האנדל מיט נארמאלע קינדער און כ׳פרעג זיי, ׳זאג נאר וואס איז אידישקייט?׳ צווישן טויזנטער קינדער האט מען מיך נאך קיינמאל נישט געענטפערט ׳אידישקייט איז הערליך.׳ קיין איינמאל נישט! [מען האט געענטפערט] ׳עס איז כללים׳; ׳א וועג ווי אזוי זיך צו פארבונדן מיט גאט.׳ פארשידענע ענטפערס. קיין איין קינד האט מיך נאך נישט געענטפערט ׳אידישקייט איז זיס.׳״

הרב וואלערשטיין האט אויפגעפאדערט די מחנכים אנצוהייבן מחנך זיין אונזערע קינדער מיט א דגוש אויף דער זיסקייט, געשמאקייט, און שיינקייט פון אידישקייט. ״תורה איז לעבן! לעבן איז הערליך!״ האט הרב וואלערשטיין אויסגעשריגן.

א רעקארדירונג פון דער דרשה וואס איז ארויפגעשטעלט געווארן אויף ״יו-טוב״ דורך דעם ״וואס איז נייעס״ וועבזייטל איז געהערט געווארן קרוב צו 20,000 מאל. די דרשה איז שטארק פארשפרייט געווארן אויף דער סאציאלער מידיא (געגאנגען ״ווייראל״), ווארשיינליך וויבאלד הרב וואלערשטיין האט געהאט דעם דרייסט צו קריטיקירן די פירער פון דעם עסטאבלישמענט, און זיי אויפפאדערן צו טוישן דעם סיסטעם עמם בבית – ביי דער אגודת ישראל קאנווענשאן זעלבסט. פון די קאמענטארן אויף ״וואס איז נייעס״ און אויף די סאציאלע מידיא נעצן איז קענטיג געווען א באגייסטערונג ביי אן עולם וואס האט זיך שוין ווי מייאש געווען אויף דעם

עסטאבלישמענט און דעם סיסטעם כמות שהוא.

הערנדיג די דרשה פון וואלערשטיין, האט מיר געכאפט אן עפיפאניע. איך האב פלוצלינג פארשטאנען וואס יואל האט געשריבן אין זיין ארטיקל, און פארוואס רוב מענטשן פארשטייען עס נישט. עס זענען דא מענטשן פאר וועמען אידישקייט איז זיס. עס קען זיין זיס צוליב פארשידנארטיגע סיבות; פאר איינעם איז עס גייסטישע פארגעניגן און פאר א צווייטן א ווארימען געזעלשאפטליכן און פאמיליעלן לעבן. אבער איין זאך האט נאך פאר קיינעם נישט זיס געמאכט אידישקייט, און דאס איז די אמונה אז גאט האט דאס באפוילן. מען קען אפשר טענה'ן אז פילאזאפיש-גערעדט מוז אידישקייט זיין זיס, וויבאלד פון גאט קען נישט ארויסקומען עפעס וואס איז נישט זיס, "מאתו לא תצא הרעה". אבער א פילאזאפישער טענה קען נישט פארזיסן א ביטערן מציאות. א געשמאק אין אידישקייט קען נאר קומען פון סוביעקטיווע סיבות, וואס יעדער אינדיווידואלער מענטש טרעפט געשמאק פאר זיך.

אין אנדערע ווערטער, א געשמאקער אידישקייט איז נישט אפהענגיק אין דער שאלה צי דאס קומט פון גאט אדער נישט. הרב וואלערשטיין טענה'ט אז אידישקייט איז זיס און אז אויב וועלן די קינדער דאס אנערקענען וועלן זיי פארבלייבן ביי אידישקייט, אפגעזען צי גאט האט אונז באפוילן צו היטן מצוות אדער נישט. ווען נישט, וואס איז א חילוק צי עס זיס צו נישט? גאט האט דאך אזוי באפוילן, ווי קען מען עובר זיין אויף וואס ער באפעלט? דער זיסקייט-פאקטאר איז, ווי עס ווייזט זיך אויס, גענצליך אומאפהענגיק פון דעם גאט-פאקטאר.

די ווירדן וועלכע מאטיווירן יואל'ן נישט אויסצוגיסן דעם קינד מיט די וואנע-וואסער, ווי מ'זאגט בלשון המדינה, זענען פאר אים געגוג אורזאך צו געפונען געשמאק אין זיסקייט אין דער תורה און אירע מצוות. איינמאל מען געפונט געשמאק אין אידישקייט איז שוין דא א געגוג גוטע סיבה נישט צו עסן דעם 'מעק-ענד-טשיז'. די זעלבע סיבה וואס וועט דערהאלטן טויזנטער קינדער ביי אידישקייט, לויט הרב וואלערשטיין. ❖

---

# ומשפטים בל ידעום פון: קטלא קניא

המשך פון ערשטער זייט

מעשים טובים, נאָר די הימל-געשריי אַז שוין ווידער שמאַכט אַ איד אין קייטן און שוין ווייטער משנאיך נשאו ראש און באַפאַלן גאָטס אומשולדיק פאָלק.

וכאן הבן שואל: ווי קומט צו אונז אַזאַ צוגאַנג צו יושר און יושר? מיר האָבן זיך ליב אויפצוטון מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל, מיר דערציילן זיך אַז מיר האָבן געשאַנקען פאַר דער וועלט מענטשן-רעכטן, בתי-דינים פאַר בני נח, פרייהייט פאַר קנעכט, אַ כתובה פאַר אַ פרוי און מאָראַלישע און עטישע פרינציפּן פאַר דער מענטשהייט. און דאָ ווען נאָר מען באַשולדיקט עמעצן משלנו, נישט קיין חילוק ווי גרויזאַם דער פאַרברעך, איז די שאלה בלויז ווי אַזוי מען קען אים העלפן מאַכן אַ ויברח אָדער צי מען קען נישט ערגעץ וואו שמירן. אויף שבת-נאָכמיטאָג אין פרקי אבות איז די ערשטער זאַך פון די על שלשה דברים העולם קיים 'על הדין', אָבער אַזוי ווי דריי שטערן באַווייזן זיך לויפן מיר חרוב מאַכן עולמות און ווילן פון קיין דין און פון קיין אמת נישט וויסן. און עס שרייט זיך די פראַגע "האין אלקים בישראל", און האַלטן מיר טאַקע אַז לית דין און בלויז קרומע דיינים?

נאָך איידער מיר גיין אַריין אינעם ענין איז כדאי אָפּצופּטרן די פשוטע הסברים. זיי נעמען זיך אַרום אונזער סענטימענטאַלער צוגאַנג צו רחמנות און אונזער פאַרוואָרפערנער מיטלייד צו דער משפחה פונעם זינדיקער, און אפילו צום קרימינאַלן אַליין, ווי איידער צום קרבן און זיינע צי אירע נאָענטע. אונזער הילוך המחשבה טענהט אַז דער פאַרברעך איז אָפּגעטון און מאי דהוי הוי, מה-שאין-כן דער דאָ און יעצט איז דעם וועמען מען האָט געכאַפּט און זיינע משפחה מיטגלידער, און פאַרוואָס זאָלן זיי נעבעך מיטמאַכן ווייל זייער פאָטער האָט זיך פאַרזינדיקט.

דערצו איז דאָ אַ פּחד פון דער קרימינאַלער אונטערוועלט וואָס געפונט זיך אין דעם טורמע-סיסטעם וואו אונזערע סטערעאָטיפּן פון בייזע מערדערישע ערלים פאַרמאָגן אַ היפש ביסל אמת. מיר דערוווייטערן זיך אַזוי שטאַרק פון דער גויאישער וועלט אַז קוים וואָס מיר פאַרשטייען ווי אַזוי עס פירט זיך, און דאָ זעצט מען עמעצן איין אין אַן עיר שכולו גויים. אמת, ער האָט זיך עס פאַרדינט, אָבער שטיין ביי דער זייט און צוקוקן ווי במחשבה תחלה איז מען מאבד אַ נפש אחת מישראל איז שוין אַ גאַנץ אַנדערע מסכת.

דערנאָך האָבן מיר אישוס מיט דער עבירה אַליין. אַז עס רעדט זיך פון עניני געשלעכט איז דאָך אָפּגערעדט. דאָ פון איין זייט רעדן מיר נישט מיט קינדער איבער סעקס ביז אַ מעת-לעת פאַר דער חופה, און אויך בלויז אויף אַזויפיל כדי מקיים צו זיין די מצווה, און דאָ דאַרף מען ענטפערן שאלות פון קליין און גרויס ברחל בתך הגדולה. וואָס האָט ער געטון? יאָ, ממש אַזוי? און וואו? און ווער? און זאָג נאָך נאָכאַמאָל איבער. אין אונזער רשות הרבים האָבן אפילו ערוואַקסענע צו דער גאַנצער נושא אויך כמעט נישט אַ שפּראַך, און אַצינד פאַרלאַנגט זיך צו דיסקוטירן דברים שבצנעא אויף אַ בפירושן אופן.

ווייטער די קרבנות האָבן נישט אַ צעבלוטיקטן נאָז אָדער אַ צעבראָכענעם אבר וואָס מען קען דערפון מאַכן אַ טומל און שרייען הצלה אדער רופן שומרים. פּאַרקערט גאָר, סיי מען שעמט זיך מיט זיי און סיי מען ווייסט מיט זיי נישט וואָס צו טון, ווייל מיר פאַרמאָגן נישט אפילו אַן על חטא צו שילדערן די זינד און קוים קען מען אַרויסזאָגן וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט. און אַז זיי שעמען זיך איז עס אַ געלעגנהייט פאַר די עוסקים בצרכי ציבור צו שיצן כלומרשט אויף דער שאַנדע פון די קרבנות אַן אין באַטראַכט צו נעמען אַז דערמיט ערמעגליכן זיי נאָך עבירות.

גראָבט נאָך טיפער וועט איר געפונען אונטער דעם אַ פּחד אַז טאָמער וועט מען אויפמאַכן דאָס דעקל, ווער ווייסט וואָס נאָך ליגט דאָרט באַהאַלטן. ווער ווייסט וויפיל בנש"קלעך וועלן פאַרשעמען זייערע זיידעס און זייערע מחותנים, און וויפיל בעלי סטראָקעס וועט מען אַוועקפירן אין קייטן? די קרימינאַלן פון סעקס-אַביוז זענען אָפּט פון אַן אַנדערן קלאַס ווי סתם שלעגער און רוצחים. זיי זענען לאו-דווקא פון די יושבי קרנות און קענען זיין אפילו פון די בעלי השישי און בעלי מפטיר. איז גיי זיי מסביר

ווי מיטאמאָל ווערט פון אַ שיינער איד אַ בעל-עבירה, און אַ כלי-קודש שטעלט זיך אויס צו זיין אַ בר עונשין. מודה זיין צו פרויען און קינדער און צו אונז אַליין אַז אונזערע שיינע אידן קענען זיין פיל מיאוסער ווי זייער הדרת פנים טוט פאַרשלאָגן וואַרפט אַ וואָלקן איבער אַלע אונזערע אני מאמינס. וואָס איז דען ווערד אַ צלם אלקים פון באָרד און פיאות אַז הידים ידי עשו? דאָ קלאַפּן מיר זיך דאָס בייכל אַז אנו רצים והם רצים, און דאָ שטעלט זיך גאָר אויס אַז אנו חוטאים והם חוטאים. וואָס טויג אונז דער "אתה בחרתנו" אַז די קאַטוילישע קירכע און די התאחדות הרבנים זענען אייניקע ערי-מקלט און בתי-עלמין פאַר זינד וואָס מיר ווילן ניטאמאָל מודה זיין אַז זיי עקזיסטירן?

די-אַ איבערגעלייגטע שיכטן ווערן פאַרפלאָנטערט איינס אינעם צווייטן און די געשריי וואָס הערט זיך איז בלויז: אַן אומשולדיקן קרבן, שקר וכזב, שווער צו וויסן, מען טאָר נישט גלייבן, אַ בלוטיקער רחמנות, האָבן פיינט אַ איד, פדיון שבויים, און לאָזן לאָזט זיך אַלעס אויס מיט — געב אַהער דאָס געלט.

מיט דעם אַלעם ליגט דאָ עפּעס טיפער. עפּעס וואָס האַלט אָפּ נישט נאָר פון גיין צו דער פּאָליציי נאָר וואָס פאַרמיידט אפילו באַהאַנדלען זיך מיט דעם פון אינערווייניק. מיר האַלטן אין איין קאָנסטאַטירן אַז מיר קענען זיך אַליין אַן עצה געבן מיט אונזערע געזעלשאַפטליכע ענינים, אָבער אין די פעלדער טוען מיר גאָרנישט. מיר שאַפן הצלה פאַר היימישע עלטערן וואָס קענען נישט אויפפּאַסן אויף די קינדער, שומרים אויף צו באַשיצן פון שוואַרצע און פּאַרטאָריקאַנער וואָס טשעפּען זיך מיט גאַטס געוועלפט פאָלק, אָן אַ צאָל צרכי שבת און הכנסת כלה צדקות פאַר משפחות וואָס פאַרדינען צו ווייניק און קינדלען צופיל — אָבער איבער זיכערהייט פון קינדער, גניבות און גזילות ווילן מיר נישט וויסן.

און ווען מיר טוען שוין יאָ אַמאָל עפּעס איז עס געצווינגען. בלויז להוציא מלבן של צדוקים און צו פאַרשטאָפּן דעם מויל פונעם מאָדערנעם שטן פון טעלעוויזיע און צייטונגען, בלאָגערס און טוויטערס. מיט זיי פועלט שוין נישט אונזערע אור-אַלטע מיטלען פון שתדלנות און עסקנות, אַביסל שמייכלען און אַ סך שמירן. ממילא אַז עס פעלט אויס, באַווייזן מיר משום מראית העין אַז קינדער זענען ביי אונז אויך נישט קיין שמאָנצעס. אָבער אַזוי ווי זיי דרייען זיך אַוועק איז עס ווייטער, "קינדער, האַלטס די פינגער אין חומש אַז נישט כאַפּט עטץ אַ פּראַסק."

וואָס מען זעט נישט איז אַן אינערליכער פאַרלאַנג פון רבנים און דיינים, רביס און ראשי-קהילה, מלמדים און עלטערן און פון דעם אַלגעמיינעם כלל אַז כלו כל הקיצין און אונזער לעבן קען אַזוי נישט ווייטער גיין. גניבות און שווינדלערייען, שלאָגן און געוואַלד, אַביוז און געוואַלדיקונגען, און עס הערט זיך ניטאמאָל אַ שעפּשע אַז מיר האַלטן אַזוי ווייט אַז מיר מוזן זיך צו דעם ענדליך אַליין נעמען ווייל אשור לא יושיענו. מען שפּירט נישט אַן אַנערקענונג אַז אונזער ישועה קען נאָר קומען פון אַן אינערליכער ווילן און פאַרשטאַנד אַז עפּעס מוז זיך דאָ בייטן.

עס איז אויך נישט כאילו מיר פאַרשטייען נישט די האַרבקייט פון די פאַרברעכן. אין מקוואות אין איבער טעפּלעך קאַווע שפּייען מיר אויס אַלע-ערליי לשון הרעס, אָבער דאָס איז אַלעס ביז עס קומט למעשה. זייט נאָר מציע איבערגעבן דעם פאַרברעכער פאַר די פּאָליציי אָדער אַנדערע אויפזעער, וואַגט אייך זיך אויפשטעלן צו רעדן ברבים אָדער שרייבן איבער דער גזל ציבור און תיכף בייטן זיך די יוצרות. דער רעדנער ווערט דער באַרעדטער און אים איז מען בודק די ציצית און דער קרימינאַל גייט שוין אַריין אינעם גדר פון והאלקים יבקש את הנרדף.

מיר זאָגן "סוף דבר הכל נשמע ועל כל אלה יביאך אלקים במשפט," און האָבן אינזינען דעם יום הדין, ווען משיח וועט קומען און יענע וועלט. אָבער דערוויילע אויף דער וועלט איז ומשפטים בל ידעום — מיר וויסן נישט פון קיין רעכט און געריכט. מיר דרשנען פון מותר זיין און לפנים משורת הדין אין דער צייט וואָס עס פעלט אונז דעם פשוטן מושג פון דין אַליין. נישט תורהלעך פון כל הדן דין אמת לאמתו און פּשטלעך אויף עדות זוממין, נאָר פשוט און פּראָסט דין ווי עס ווערט אויסגעפירט טאָג-טעגליך אין געריכט הייזער פאַר ריכטער און דזשוריס, אין ציווילע און קרימינאַלע פּראָצעסן אין יעדער ציוויליזירטער מדינה.

און אויף דעם פרעגט זיך מנא הני מילי, ווי קומט צו אונז אַזאַ לייכטשעצונג צו אַ זאַך וואָס זייט די שבע מצוות בני נח איז עס אַ פליכט פאַר יעדער ציוויליזאַציע. פון וואַנען נעמט זיך דעם בשרירות ליבי אלך און די חלומות אַז מיר קענען אָנגיין אָן דין אָן דיין, און דערצו זיך שטאָלצירן צו אונז אַליין און צו אַנדערע אַז מיר זענען אַ קהלה קדושה, און בלויז חסד ואמת און צדק מיט יושר זענען אונזער אַרבעטייל.

דער ביטערער אמת איז אַז ביי דין אַליין הייבט זיך עס אַלעס אָן. עס פעלט אין אונזער לעבנסשטייגער דער פשוטער מושג פון דין און חשבון, דאָס וואָס רופט זיך אין ענגליש 'אַקאָונטעבילטי'. די תורה לייגט פאַר דאָס גוטס און דאָס שלעכטס אַ-לאַ-קאַרט און הייסט "ובחרת בחיים". די משנה פרעגט "איזהו דרך שיבור לו האדם," אָבער מיר האָבן זיך געשאַפט אַ לעבן ווי אַ הכנסת-אורחים. דאָס גיט מען און אַז עס געפעלט דיר נישט קענסטו גיין, פרעג נאָר נישט וואו און אַהין. און אַז מיר נעמען נישט די החלטות איז פאַרשטענדליך אַז צו נעמען אחריות איבער די קאָנסעקווענצן פון אַזוינע החלטות הן לטב והן לביש איז אונז פרעמד. פאַר די וואָס באַשליסן איבער זייער לעבן קען טאַקע זיין יוסיף דעת יוסיף מכאוב, אָבער אַלץ בעסער ווי דער אין דעת הבדלה מנין פון דעם וואָס האָט נישט וואָס אינטערצושיידן. מצד אחר, פאַרשטייט זיך אָבער אַז דער וואָס האָט זיך אין זיין לעבן נישט געוויילט זאָל נישט וועלן אָפּגעבן דין וחשבון אויף אַ צוויטנס בוררות.

עס איז אַ סברה צו זאָגן אַז ווי אַלעס הייבט זיך עס ביי אונז אָן אין חדר. פון ווען מיר נעמען די ערשטע טריט אין אונזער לעבן פעלט ביי אונז דעם באַגריף פון אָפּגעבן אַ רעכענונג אפילו אויפן פשוטסטן אופן.

פון די חדר-יאָרן אַז מען געהער קיין סקוועיר און די עלטערן וואוינען אין באָראָ-פּאַרק איז אַזוי נאַטירלעך אַז דאָס אינגל אָדער מיידל זאָל אָנהייבן אין סקוועיר באָראָ-פּאַרק ווי אַז מען געהער קיין פּאַפּאַ און מען וואוינט אין מאָנסי זאָל דער זון אָדער טאָכטער אָנהייבן זייער לעבן אין פּאַפּאַ מאָנסי. דאָס אַרבעט צוויי-פּאַכיק: די עלטערן מוזן נישט גיין זוכן און זיך נאָכפרעגן וואו זייערע קינדער וועלן אויפגעהאָדעוועט ווערן, גיין באַזוכן דער קינדערגאַרטן אַליין צו זען דאָרט דעם הלוך-ילך, זיי מוזן נישט באַשליסן וועלכער פון די שולן איז זיי דאָס מערסטע געפעלן, זען ווער עס האָט אַ בעסערע געביידע און שענערע שפּילערייען, וועלכער פון די מנהלים צי מנהלות זענען אויס די מערסטע פעאיק, ווער האָט דער בעסטער שטאַב, פון וואַנען

זענען די אַנדערע קינדער, און וואו זענען די שאַנסן די בעסטע אָנגענומען צו ווערן. און אַז מען באַשליסט נישט איז נישט דאָ אַן אַפּליקאַציע וואָס מען ראַנגלט זיך וואָס צו שרייבן, ווי אַזוי מען שטעלט זיך פאָר, אויסוואַרטן דערנאָך די נערוועזע וואָכן צי חדשים און נאָכקוקן דעם פּאָסט-טרעגער אָדער אימייל צו זען צי מען האָט דאָס קינד אָנגענומען.

אָט אין אַזאַ אַטמאָספערע הייבט זיך אָן ביים קינד זיין (צי איר) קינדערגאַרטן און כיתה א׳. דאָס קינד ווייסט פון יונגווייז אָן אַז ער איז דאָרט נישט צוליב דער אָנשטרענגונג פון זיינע עלטערן אויף צו באַקומען דער פּלאַץ און צו צאָלן שכר לימדות, און ממילא פאַרלאַנגט זיך פון אים גאָרנישט צו האַלטן דער פּלאַץ. ער דאַרף אוודאי נישט זיך צוגרייטן זיין פּלאַץ פאַר אַ הויך-שולע ווייל דער וואָס האָט אים אָנגענומען אין תלמוד-תורה וועט אים אויך אָננעמען אין ישיבה-קטנה און דערנאָך אין ישיבה גדולה און זיינע שוועסטער אין מיידל-שולע און אין סעמינאַר, צאַמפּאָרן זיי אויף שידוכים און צושטעלן פאַר זייערע מענער פּלעצער אין כוללים. אַלעס איז אַריינגערעכנט אין דעם ׳פּעקעדזש דיל׳, און אפילו ביז דער חלקה אין בית החיים.

ביי דער רעשט פון דער וועלט, דאָס וואָס פּאַסירט בייטאָג חזרט זיך איבער ביי אָוונט אָדער ענדע-וואָך קלאַסן. וועלכער מוזיקאַלער אינסטרומענט זאָל מען דעם קליינעם אויסלערנען, און וואָס האָט ער בעסער ליב? זאָל מען איר שיקן צו באַליי אָדער דראַמאַ-קלאַסן? וועלכער ספּאָרט? די פראַגעס קומען ביי אונז בכלל נישט אויס ווייל אַז אינגלעך האָבן איבעריקע פינף מינוט וועט מען זיי מאַכן אַ מתמידים אָדער אַ פּראָגראַם צו לערנען משניות. און אַז דאָס איז אויך צו אינטעליגענט זאָגן זיי תהילים אָדער פּאַפּעגייען שיר-השירים. ווייטער מיידלעך, אַז עס איז דאָ צייט איז גיי וואַש די פּאָדלאָגע אין קאָך אָדער לייג אַריבער די נאַסע וועש אין טרוקן-מאַשין.

ביי אונז ווען מען פאַרהערט אַ קינד אין חדר איז עס גאַנץ נאָרמאַל צו ענטפערן, איך בין געווען ביים ציין-דאָקטאָר יענעם טאָג אָדער מיין קוזינע האָט חתונה געהאַט ווען מען האָט יענץ געלערנט. דאָס גייט ווייטער צו שולע-רעפּאָרטס וואו די צייכענונגען זענען אַלע ׳אא׳ אָדער ׳מצוין׳ כדי נישט מצער זיין די עלטערן אָדער פאַרשעמען דעם קינד. אַ פראַסק, מילא, אַ קינד מעג וויסן אַז ער קען כאַפּן אַ פּאַטש, אָבער אַז דער רבי זאָל במחשבה תחלה זאָגן אַ חוות-דעת אויף אַ קינד וואָס וועט גורם זיין עגמת נפש איז דאָך ממש שפיכת דמים. ממילא זענען שאלות ביי פאַרהערן שוין געמאַכט אויף נישט צו פאַרשעמען דעם מתמיד מיט אַ שוואַכער קאָפּ און פּרסים טיילט מען פאַר יעדן.

אַזוי איז ביי די עלטערן און די קינדער און אַזוי איז ביי די מנהלים און מלמדים. אַז די עלטערן וועלן האַלטן אין איין שיקן יעדער יאָר אַ פריש קינד איז וואָס איז דען אַ חילוק וויפיל כוחות און שכל די שולעס לייגן אַריין אינעם געשעפט? כל זמן די קינדער קענען די פּאָר פּסוקים צי תוספותן און די מלמדים פאָרן צום רבין אויף שבת-חנוכה איז זייערע פּאָסטן פאַרזיכערט. זיי האָבן דאָך אַ שטוב מיט קינדער און ווער קען דען נעמען דער אחריות פון זיי אָפּזאָגן פון אַ פּרנסה? און דער רבי אַליין איז דאָך אויך נאָר אויפן שטיל ווייל ער האָט עס ביים טאַטן גערירשנט, איז פאַרוואָס ביי די חסידים זאָל עס זיין אַנדערש?

אין דער וועלט איז דער אַלגעמיינער הילוך העולם זיך ממשיך דורך די שולע יאָרן. סאַראַ ענינים צו נעמען אויף עקזאַמען, וועלכע הויך-שולע, די טעמעס אויף דעם ׳דזשי-אי-די׳, דער קאַלעדזש וואו צו גיין שטודירן, וועלכע קורסן, מעסטן די אותיות פון דער ׳פּערסאָנעל סטייטמענט׳ ווי עזרא הסופר ביי זיין ספר תורה, האָרעווען איבער די שטודיעס, און פון דאָרט צו אַ וועלט פון אַרבעט וואו הונדערטער מענטשן שלאָגן זיך אויף איין איינציק פּלאַץ. צו יעדער פון די טרעפּ זענען דאָ צו ערשט פאַרהערן און לויט די צייכנונגען ווערט מען פאַרמשפּט צום קאַלעדזש, צום מאַסטערס, צום דאָקטאָראַט, צום פּאָסטן, צו דעם סכום פון דער געהאַלט, און אין אַ געוויסן זינען צום גאַנצן לעבן. פּשוט און פּראָסט האדם נידון לפי מעשיו.

פאַרשטייט זיך דאָס איז נישט אַ כלל צו אַלעס און צו יעדן און עס איז דאָ מער צום לעבן אויסער שטודירן, אַרבעטן און פאַרדינען. דער מושג אָבער פון אָפּגעבן דין וחשבון נישט אין אַ יוריסטישער זינען נאָר טאָג טעגליך אין אַלע הינזיכטן, און מחמת דעם נעמען אייגענער אחריות אויפן לעבן, איז פּשוט דער סדר העולם ווי אַזוי די וועלט פירט זיך. דאָס איז אַ וועלט וואו מען ווערט נישט געוואויר שבת נאָך מוסף הונגעריקערהייט אַז מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, נאָר מען ווייסט עס און מען נעמט עס אין באַטראַכט שוין פון זונטאָג אָן.

אין אונזערע קהלות ווייטער איז אַ רוח אחרת. ווען מען זאָל הונגערן און אַנערקענען אַז מען הונגערט טאַקע פאַרדעם ווייל מען האָט זיך נישט מטריח געווען וואָלט אפשר זיך עפּעס געטוישט. איז אָבער די מעשה אַז אפילו ווען מען הונגערט יאָ האָט עס ענדערש צו טון ווייל מען האָט פאַרגעסן פּרשת המן אויף דינסטאָג פּרשת בשלח אָדער דער מחזור האָט נישט געהאַט דער יהי רצון מיט דיקרנוסא צו זאָגן ביי לדוד מזמור — ווי איידער ווייל מען האָט ערב שבת מקיים געווען שנים מקרא ואחד תרגום, זיך געטובלט ש״י טבילות, זיך געשניטן די נעגל בדאג״ה און אַריינגעכאַפּט אַ טועמיה און פּשוט פאַרגעסן אַז אפשר איז אויך אַן ענין עפּעס צו פאַרדינען. דעם מי שלא טרח איז נעבעך באַשערט ער זאָל נישט האָבן, און מאַקסימום קען מען אים באַשולדיקן אַז ער איז נישט געפאָרן קיין ליזענסק אַביסל אויספּועלן אויף פּרנסה. אָבער דאָך ישראל נתבעים ונותנים, און ער קען בעטן, באָרגן אָדער וואַרטן מען זאָל אים איבערלאָזן אַ קעסטל ביים טיר און אַנטלויפן נאָך קלינגען דעם גלאָק כדי יוצא צו זיין אפילו מתן בסתר. ענדערש אַ פייג ווי איידער נוצר תאנה יאכל פּריו.

אַצינד וועט איר שוין פאַרשטיין וואו איך וויל דערמיט אָנקומען. דאָ מיטאַמאָל מאַכט זיך אַ פאַרברעכער, אַ לעסטערער, אַ גנב, אַ גוואַלדיקער און מען שטויסט זיך אָן אין אַ סיסטעם וואו מען טוט אַרעסטירן, באַשולדיקן און פאַרמשפּטן. וואו מען איז מחייב און מזכה, מען פאַראורטיילט און מען לאָזט פריי לויט די עדות און אַנדערע אָנווייזונגען — און פּשוט מיר כאַפּן עס נישט. עס איז פאַר אונז צופיל. דער מלמד מעג שמייסן קינדער, ער מעג זיין אַ ׳ווייסט אָוו ספּייס׳, אָבער מען זאָגט אים נישט אָפּ ווייל זיין שווער האָט אַ שוואַכער האַרץ, זיין טאַטע איז אַ סגן ראש הקהל, ער אַליין האָט עלף טפלי תליא און זיין פרוי האָט שוין צוויי מאָל געהאַט אַ נערוון-ברייקדאַון. און דאָ נעמט מען אַ איד וואָס יעדן שבת קודש לאָזט ער זיך אַראָפּ די פּיאות און הייבט די הויזן אַן אינטש העכער די שיך מען זאָל זען זיינע ווייסע שטרימפּ, און מען שפּאַרט אים איין אויף זעקס און צוואָנציק יאָר אַזוי אַז ער איז מונח עד שיבא החברא קדישא. וואָס האָבן די קינדער

דען געזינדיקט? שרייען מיר. סאַראַ יושר און גערעכטיקייט איז דאָס? און מיר קרעכצן אַז מיר זענען אין גלות און אַזוי גייט עס ביי די ערלים וואָס פאַרמאָגן נישט אונזערע 'די-ען-איי' פון רחמנים ביישנים און גומלי חסדים, און האָבן עפּעס אַ קראַנקע טבע איינצושפּאַרן קרימינאַלן.

צו האָבן אַ סיסטעם פון 'אַקאָונטאַביליטי' פאַרלאַנגט זיך אויך אַ געוויסער היעראַרכיע וואו די נידעריקערע געבן דין וחשבון פאַר די העכערע. די אויפזעאונג מוז נישט דוקא זיין פון אויבן אַראָפּ און קען אַ סך מאָל אויך זיין זייטליך. אָבער דער פּרינציפּ איז דאָס זעלבער. דער אַרבעטער מוז זיך רעכענען מיטן בעל הבית, דער לערער מיטן הויפּט פּרינציפּאַל, שיף פּאַסאַזשירן און שטאַב מיטן קאַפּיטאַן, אַ געריכט מיטן ריכטער ווי אויך דער דזשורי. אפילו דער פּרעזידענט מוז איינהאַלטן די געזעצן, מוז זיך רעכענען מיטן סענאַט, מוז זיך פאַרענטפערן פאַר דער פּרעסע, און יעדער פיר יאָר מוז ער אָפּגעבן דין וחשבון פאַר דער באַפעלקערונג.

ווייטער ביי אונז איז דער מאַכט ביים רבין, ביים גדול, ביים רבינס אַ קינד און איידעם, און זיי באַקומען די רעכטן פון מלך פּורץ גדר אָן אָפּצוגעבן דין וחשבון פאַר קיינעם. עס איז גאָרנישט אַנדערש מיט הלכה. דער רבי וואָס באַווייזט אַז ער קען דאַווענען שחרית נאָך דער שקיעה, זיך וואַשן צו שלש-סעודות ווען דער הימל שווימט מיט שטערן, און זינגען אמר ה' ליעקב זונטיק אינדערפרי, ווערט פון די עמודי עולם בלויז מיט דעם וואָס ער קען זיך אָנפייפן נישט נאָר אויף די ד' חלקי שולחן-ערוך, נאָר אפילו אויף די חוקות שמים וארץ. איז דאָך כל שכן אַז מען קען איגנאָרירן נאַרישע געזעצן פון געזעץ-געבער וואָס היום כאן ולמחר בקבר. ווען נישט ביים רבין איז עס ביים גביר וואָס קויפט אונטער דעם רבין מיט אַ גאָלדענער אתרוג-פּושקע צי ביים עסקן וואָס איז נושא חן ביי אַ פּאָר קרומע פּאָליטיקאַנטן. אפילו דער רעבעלע וואָס האָט קוים אַ מאַכט אויסער די עליות אין זיין קלויז ווערט אַ שענערער איד טאַקע מיט דעם וואָס ער קען שטעלן זיין סוכה אויפן שטראָז און זיך אָנפייפן אויף דער וועלט.

יעצט גייט זייט מסביר פאַר אַן עולם מיט אַזאַ פּני אַז אַ דזשוראָר, אַן אסופי מן השוק וואָס לא קרא ולא שנה, האָט אָפּגעמשפּט אַ טאַטנס אַ קינד און דאָס רופט מען יושר. "אשרי" קען ער ניטאַמאָל און ער וועט באַשליסן ווער איז חייב און ווער עס דאַרף גיין קיין רייקערס? און מיר רייסן זיך די האָר פון קאָפּ, איז דאָס משפט צי איז דאָס סדום?

מיינט נישט אַז איך בין אַזוי נאַאיוו צו קלערן אַז עס הערשט אין געריכט הייזער אַ פּערפעקטער וועלט. איך ווייס פון די חסרונות און די אומרעכטן, איך ווייס אַז דער קאָליר פון פּנים קען זיין מער נוגע ווי עדות און איבערווייזונגען, און דער לענג פון דער אורטייל איז לאו דווקא נוגע צו דער האַרבקייט פונעם פאַרברעך. עס איז אָבער דאָ אַ סיסטעם מיט אַלגעמיינע אויסגעהאַלטענע פּרינציפּן, כאָטש הלכה למעשה האָט עס פילע פעלערן. ביי אונז אָבער איז דער פּרינציפּ צו זיין אַ מרחם על האכזרים און זיך פאַרשטאָפּן די אויערן צום געוויין פון אומשולדיקע.

ברענגט אַריין געלט און גניבות און דאָס אַלעס נעמט אויף אַ גאַנץ נייעם פּאַרנעם. מען קען זיין אַ באַאַמטער אין אַ מוסד אויסגעהאַלטן פון דעם ציבור, זיצן ביי אַ צדקה-קאַסע פון יתומים און אלמנות, אַן איינקאַסירער טאַקע פאַר פּדיון שבויים, און יעדן מוז מען גלייבן אויפן וואָרט אָן צו נעמען אין באַטראַכט פון וואָס דאָס וואָרט באַשטייט. קינדער פון פינף, זעקס יאָר אַלט גייען קלאַפּן חנוכה און פּורים און נעמען צוזאַם געלט און עס פאַלט קיינעם נישט איין אַז אפשר איז אַ געלעגנהייט זיי אויסצולערנען ווי אַזוי מען באַהאַנדלט צדקה-געלט. און ווי אַזוי קען אַ גבאי צדקה זיך נאַריש מאַכן צו פאַרלאַנגען אַ דין וחשבון איבער די פּאָר גראָשן פון חדר-אינגלעך בשעת ווען ער שאַרט גאָלד און פרעגט ביי קיינעם נישט אָן? "צדקה נגבית בשנים ומתחלקת בשלשה" זאָגט דער שולחן-ערוך, און ביי אונז איז דער מנהג נגבית ביחיד ואינה מתחלקת.

טעאָרעטיש האָבן מיר טאַקע אַ הלכה אויף אַלעם, פון המחליף פּרה בחמור ביז המטיל מום בקדשים. מיר האָבן הלכות פאַר בייטאָג און ביינאַכט, פאַר מענער און פרויען, קדשים און חולין. אויף אַלסדינג איז דאָ אַ רש"י מיט אַ תוספות, אַ ר"י און אַ ר"ת, אַ רמב"ם מיט אַ ראב"ד, אַ מחבר מיט אַ רמ"א. וואָס עס פעלט אונז אָבער איז אַ לעבעדיקער בית דין מיט דער ווילן און דאָס מאַכט און די מיטלען דאָס דורכצופירן. ווי קען זיין גערעכטיקייט ווען יעדער קען זיך אויפמאַכן אַ שאַנד-הויז ויקרא שמו בישראל "בית דין"? און ווען מען גייט שוין אין דין-תורה האָבן מיר חכמהלעך פון זיך אויסקלייבן אַ בית-דין וואו מען קען זיך פאַרזיכערן אַ געווינס. שפּעטער אַז עס געלונגט נישט הייבט מען אָן מיט 'אין לי' און 'קים לי' און צום ערגסטנס ציט מען אַרויס אָדער מען מאַכט אַ גילוי דעת בפני שלשה.

דאָס שטעלט זיך נישט אָפּ ביי קרימינאַלע און ציווילע פּראָצעסן — עס נעמט איין אַלעס פון דעם בעל-תפילה וואָס לויפט צום עמוד אָן קיינעם אין באַטראַכט נעמען כאָטש מען נמאסט אים צו הערן, ביז די אויפזעער אין שולעס און קעמפּס וואו קיינער וויל נישט נעמען אחריות. ביי אונז חתמען צעטלעך 'דער וועד' און 'די קאָמיטע' כדי אַז עס געשעט אַן אומגליק זאָל מען נישט האָבן אַ טיר וואו צו קלאַפּן. און ווען עס מאַכט זיך אַן עקסידענט איז צום בעסטן "אַבי נישט ערגער" און "גם זו לטובה", און צום ערגסטן, "מיר פאַרשטיין נישט דעם אויבערשטנס חשבונות." הייב אָבער אָן פרעגן וואו איז דער מלמד געווען ווען דאָס אינגל האָט זיך צעבראָכן זיין האַנט, אָדער פאַרוואָס איז דער דרייווער געפאָרן ווי אַ מטורף ווען ער האָט אַראָפּגעהאַקט דאָס קינד, און די עלטערן זענען שוין מתחייב בנפשם און בדיעבד איז זיך עס זיי געקומען.

דאָס איז אָבער אויך נישט אַלעס. אין צוגאָב צו חוקים ומשפּטים וואָס עקזיסטירן בלויז אויף דער פּאָליצע און ווען מיר זעען עס למעשה זעט עס אונז אויס פּריקרע און פרעמד, האָבן מיר אַן אַנדערע קרענק אויך. מיר האַלטן אַז אַ דאַנק דעם באַרימטן אתה בחרתנו און אונזער עם חכם ונבונשאַפט ווערן מיר געבוירן מיט אַ 'געט אָויט אָוו דזשייל' קאַרטל. מיר זענען געוואוינט צו שמירן פּאָליטיקאַנטן, מאַכן קולות אין עירפּאָרטס, אַ גניבהלע דאָ דאָרט, אויסנאַרן די פייער-באַאַמטע, און מיר רעדן זיך איין אַז מיט אונזערע גמרא-קעפּ און די באַזונדערע סייעתא דשמיא וואָס באַגלייט אונז זייט דער באַשעפער האָט געזאָגט פאַר אונזער זיידן "ואעשך לגוי גדול" איז נישט דאָ קיין פּראָבלעם וואָס עסקנים און אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהלים קענען נישט לייזן.

מאַכט זיך אָבער פון צייט צו צייט, לעצטנס עטוואָס מער, אַז טאַקע אין געריכט ווערט קלאָר ווי ווייניק חכמה און בינה מיר פאַרמאָגן און אונזערע פּודנו ומצילנוס מאַכן נישט קיין רושם. מיר פּאַקן אָן געריכט הייזער מיט היימישע אידן און קיינער, פון דעם

וועכטער ביים טיר וואָס איז בודק די טאַשן ביז דעם ריכטער אַליין, ווערט נישט נתפעל. מיר קוקן די דזשוראָרס יעדן באַזונדער אַריין אין די אויגן און זאָגן "תפול עליהם" זיבן מאָל אַהין און צוריק און זיי בליצלען אפילו נישט. מיר נעמען צוזאַם מיליאָנען אויף די 'בעסטע' אַדוואָקאַטן און זיי שלונגען עס אַראָפּ אָן אין אַכט צו נעמען אַז התורה חסה על ממונם של ישראל. זיי זיצן דאָרט און רעדן זייער שפּראַך אויף אונזער חשבון, מאַכן לעגאַליסטישע העוויות, דערלאַנגען אין טאַטנס טאַטן אַריין, אָבער איין זאַך קענען זיי נישט טוישן: מען דאַרף אָפּגעבן דין וחשבון. די משנה "על הדין ועל האמת ועל השלום" וואָס זעט אויס אמת לאמתו שבת נאָכן שלאָף באַקומט אַ גאַנץ אַנדערע פאַרב ווען מען שפּאַרט אויף דעם חשבון איין אַ טאַטע וואָס דאַרף אַ שידוך טון יאָר נאָך יאָר און זיין פרוי שוואַנגערט אויף קיין-עין-הרע.

אָט אַזוי געפונען מיר זיך הילפלאָזיק און פּאַראַליזירט בפני אַ סיסטעם וואָס מיר פאַרשטייען קוים, פון וואָס מיר הערן נישט סיידן אַז עס איז אונז נוגע, פון וואָס מיר רעדן טעאָרעטיש ווען מען רעדט שוין יאָ אַמאָל דערפון, און וואָס אפילו אַ זקן ושבע ימים לעבט קוים אַמאָל דורך. דער סיסטעם מאַכט אונז זיך שפּירן קליין און נאַריש און מיר בלייבן ערשטוינט און שאָקירט. נאָכדעם וואָס מען דערמונטערט זיך,קען עס נישט עפּעס אַנדערש זיין ווייל דער ריכטער איז אַ לוקח שוחד, די דזשוראָרס סתם ביליקע גויים און אידיאָטן, דער שטאַט-פּראָקוראַר אַן אַנטיסעמיט, און די פּאָליצאַנטן שונאי ישראל מבני בניו של אליפז הרשע. און וואָס העכער מיר שרייען און וואָס מער מיר פאַרפירן שפּירט זיך דער קלאַפּ אַלץ מער להכעיסדיק. אַ סך מער ווי אַן אומגליק פאַרן פּרט, פילט זיך עס אַ פּאַטש פאַרן כלל. און אָט אַזוי ווערט פון אַ לעסטערער אַ היינטצייטיקער מענדל בייליס און פון סתם אַ קרימינאַל ווערט אַ מאָדערנער, אָלל אַמעריקען, אַלפרעד דרייפוס.

מיט דעם זענען מיר אָבער אויך נישט פאַרטיק. דער המון עם זעט ווי מען קייטלט איין זייערע ברידער און שוועסטער און ווערן איבערראַשט. יעדער האָט זיך זיין פעקל, און אַז מען באַפאַלט איינעם מאַכט דער עולם אויף זיך אַליין אַ חשבון הנפש. ווי מען זאָגט אויף ענגליש, דאָרט, אלמלא חסדי ה', גיי איך. מיר ווייסן אַלע דעם מצב פון אונזערע בייסמענט פרנסות, קעש געשעפטן, א"ק-פאַרזיכערונגען, סעקשן אייט, פּראָגראַמען און נאָך חזירייען, און עס כאַפּט אַ ציטער. אַז דער מדת הדין קומט קלאַפּן ווער קען דען זאָגן ער איז דער נקי כפים ובר לבב? ווער ווייסט דען נישט אַז כך היא דרכה של תורה? ווי אַ איד האָט אַמאָל געזאָגט, הטריפיני לחם חקי, געב שוין אַהער עפּעס אַ טרייף שטיקל ברויט.

וואָלט געוועז אפשר אַ סברה אַז אין אַזאַ מצב קערן מיר זיך צו די ראשי און עיני העדה. מילא דעם עולם גולם קענען מיר מוחל זיין, אָבער צו דעם וואָלטן מיר אפשר געדאַרפט האָבן פירער מסביר צו זיין פאַרן עולם אַז פאַר טעות עכו"ם צאָלט מען טייער און פאַר גניבת עכו"ם זעצט מען איין, אַז אָנהרגענען קינדער איז שוין נישט מותר און פאַר געמיינע מעשים צאָלט מען געמיין. איז אָבער די מעשה אַז ביי די רשכבה"גן און די צדיקי עולם איז ערשט נישט דאָ קיין דין, קיין דיין, קיין צדק, קיין יושר, קיין משפט. אַז עס גייט זיי הרי טוב און אַז נישט כאַפּט מען, שלאָגט מען, שעלט מען, און וואָס נאָר אַבי די "הייליקע קייט" זאָל זיך ווייטער ציען. פרעגן פון וואַנען עס ציט זיך און וואו אַהין איז שוין כפירה.

צו דעם זענען זיי אָבער מנהיגים אונז צו פאַרקויפן אַ בוידעם מיט פדיון שבויים און ר' משה לייב סאַסובער, כאילו אַ מאָלעסטער און אַ קינד זענען ווי אַ בעל האַרענדע מיטן פּריץ. זייער ערציאונג-סיסטעם פאַרמיידט פון אונז בידים דאָס געצייג ערליך צו פאַרדינען אונזער ברויט, איז ביי זיי ווערט איר נישט געפונען אַ תשובה אויף דער אור-אַלטער שאלה: וכי תאמרו מה נאכל? און טאַקע דערפאַר, ווייל זיי ווייסן און פאַרשטייען וואָס פון זיי איז ערוואַרטעט, און סאַראַ אובדי עצות זיי זענען, פאַררופן זיי די מוסר ספרים. צום ערשט אונזער רחמנות איבער אחינו בני ישראל הנתונים בצרה ובשביה און פון דאָרט גייען זיי אַריבער צו דער רשעות פון די מוסרים און דעם לאו פון לא תקום.

און אָט דאָ רירט מען אָן נאָך אַ וויכטיקע נקודה: נקמה. וואָס רופט זיך ביי דער וועלט 'יוסטיץ' איז ביי אונז שחוטי חוץ. איר זוכט אמת איז זייט מוחל גייט אייך אויפן עולם האמת, זאָגט מען ביי אונז. אַז עס האָט אַ געפיל פון נקמה מוזן מיר בודק זיין די מאָטיוון פון די קרבנות און מקטרגים וויבאַלד נאָר די בעלי עבירה זענען ריין לשם שמים. און אַז מען רעדט שוין פון נקמה קומט צו שווימען דער קאָפּ פון דער משנה אַז דערטרענקער ווערן סוף סוף אַליין דערטראָנקען און 'מען שפּילט זיך דאָ מיט פייער.' און אַזוי אַרום די זעלבע וואָס האַלטן אַז אַ מקושש עצים האָט זיך ערליך פאַרדינט זיין סקילה זענען אויסער זיך ווען מען שפּאַרט איין אַ באַנדיט אויף אַ פּאָר יאָר.

דאַן שפּילט זיך אָפּ דער ונהפוך הוא פון אונזער לעבן וואו קרימינאַלן זענען די נעבעכס און דער וואָס וויל פאַררעכטן איז דער רשע און מסור. די קאָרופּציע און דעקאַדענץ שטעלט זיך נישט אָפּ, און פון דער שפּראַך ביז אפילו אונזערע הייליקייטן ווערט אַלעס מיטגעשלעפּט. רשעות באַדייט די וואָס קעמפן פאַר אומשולדיקע, תפילות זענען פאַר עברייינים, מסירת נפש איז זיך איבערצוגעבן צו אַ קרימינאַלן צוועק, און סייעתא דשמיא מיינט ווען אַ פאַרברעכער גייט אַרויס לחירות.

איך האָב צו דאָס אַלעס נישט אַ לעזונג, און אפשר קען זיך עס נישט טוישן איבער יאָרן נאָר איבער דורות. דאָס פאַרמינערט אָבער נישט אונזער חורבן וואָס קומט פון אַ טאָטאַלער איגנאָראַנץ פון די פונדאַמענטן פון געוועלטיקונג פון געזעץ ('רול אָוו לאָ', בלע"ז) און פערזענליכער אחריות אין אונזער לעבן. און דאָך, הללוי-ה! אין דער בלאָטע אין וואָס מיר געפונען זיך פּאַטשן מיר זיך אַלץ דאָס בייכל מיט מי כעמך ישראל און פאַנטאַזירן אַז "בעסערע גויים" באַוואונדערן אויך אונזער אחדות.

אַזויפיל איז שייך צו זאָגן אַז מיר וועלן זיך נישט אַליין אויפוועקן פון אונזער טיפער שלאָף וועלן אונזערע קינדער אונז אויפמאַכן די אויגן. ווען זיי קומען צום אייגענעם דעת און ווערן געוואויער אַז דער האָניק וואָס זיי האָבן געלעקט ביים רבין אויפן שויס איז גאַרנישט אַזוי זיס, וועלן זיי פאַר אונז אַנטפּלעקן אַז אונזער געשמאַקער חלום איז גאָר אַ ביטערער קאָשמאַר. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, און לאָמיר האָפן אַז עס וועט נישט באַלד זיין צו שפּעט. ❖

**פאעזיע** / צום מולך:
פון: שמואל א׳

אזוי ווי איך האב געהייסן,
זאלסטו זיך שוין באפלייסן.
נאר דו האסט א חובה,
צו זען די גרויסע טובה.

*

איך בין דיין טאטע,
דו ביסט מיין שמאטע.
די ראלע איז מיר פאסיג,
אפילו דו ביסט צוויי און דרייסיג.

איך האב מיינע חשבונות,
און איבער דיר יתרונות.
זיי נישט עובר א לאו,
זיי מקיים כיבוד אב.

אבער טאטע הער זיך איין,
וויפיל איז דער שיעור.
אמאל בין איך טאקע געווען קליין,
האסטו געהערשט אויף מיר.

אבער יעצט האב איך אליין א שטוב,
מיט קינדער דריי.
א ווייב וואס איך האב ליב,
לאמיך לעבן פאר זיי.

מיין קינד דו ביסט א איד,
שמע בני איז נישט נאר א ליד.
יא, איך קען דיך דיקטירן,
דיין גאנץ לעבן מאניפולירן.

מיין וואפן דיר אין הארץ צילן,
פייניגן מיט שולד-געפילן.
דיין געוויין, מנעי קולך,
איך בין דיך מקריב פאר׳ן מולך.

טאטע דאס לעבן איז מיינס,
לאז מיך אטעמען אליין.
זיי פארנומען מיט וואס איז דיינס,
און וועגן מיר וועל איך אליין פארשטיין.

איך פארנעם שוין נישט דעם בלאף,
נעם פון מיין האלז דעם שטריק.
לאמיך אליין אטעמען זויערשטאף,
אליין קוקן און כאפן א בליק.

זיי נישט דיין עולם הבא קובר,
ביסט אויפ׳ן שולחן-ערוך עובר.
ווערסט נישט גוט אפשניידן,
דעם גיהנום נישט קענען פארליידן.

זיי נישט ווי דעם היסטארישן יענעם,
וועלכער פינסטערט אין גיהנום.
ער האט געמיינט אז ער איז פטור,
פון פאלגן זיין פאטער.

*

אט זע איך תשובה-טרערן,
דו טוסט זיך צוריקקערן.
אה, ענדליך פועל איך,
דיך וויליג צו פירן צום מולך.

״שבת בלעטל״, געווידמעט ליטעראטור און מחשבה, ווערט ארויסגעגעבן דורך א גרופע חסידים. די בלעטער קענען ווערן אראפגעלאדנט אויף: ShabbosBlettel.wordpress.com.
מאמרים ווערן אנגענומען אין אידיש, לשה״ק-עברית, און ענגליש. זיך צו פארבינדן, שרייבט צו: ShabbosBlettel@gmail.com.